Academischer Verein
für
Jüdische Geschichte und Litteratur
zu
Jurjew (Dorpat).

1/4
7/8
1585

Изд

85.

3/4

ה. ד. נאַמבערג.

Библiотека академическ. ферейна
68803

# שריפטען.

פינפטער באַנד

ראַיאַ־מאַנאַ. — אַ פלוצלינגע עלטער. — רכילות. —
די נאַלדענע פאַנטאַזיע. — כל נדרי און אַ וואַריעטע. —
פערשוואַכטע הילונקײטען. — שײקער און שלימזל. —
דער שטורעם.

פערלאַג „ביכער־פאַר־אַלע״, וואַרשע, דלוגאַ 11.

וואַרשע, — תר״ע.

דרוק „האור״, דלוגאַ 11.

## СОЧИНЕНІЯ
Г. Д. Наумберга.

Томъ Пятый.

Изданіе „Бихеръ-Фаръ-Алэ“, Варшава, Долгая 11.

Тип. Х... ьтера, въ Варшавѣ Новолипе - 11.

для изученія еврейской исторіи и литерат. Юрьевъ *
Библіотека
академическ.
ферейна

# רַאיַא=מַאנָא.

Общ. для изученiя еврейской исторiи и литерат. Юрьевъ
Библiотека академическ. ферейна
1585

# I.

דאָס לאַנד פֿון די פֿינף טײַכען, וואו די זון ברענט אזוי הײס איבער די קעפּ און די לאָטוס־בלום בליהט, איז געבענשט געוועזען מיט נְבִיאִים, וואָס זענען געשאָנקען געוואָרען דעם פֿאָלק, איהם צו בעלערנען און צו זײַן זײַנע העלפֿערס און פֿיהרערס אויף די דאָרניגע וועגען פֿון לעבען און דורך די פֿינסטערע טויערען פֿון טויט. מיט צוטרויען האָבען די הערצער פֿון פֿאָלק אנטקעגען גע־שלאָגען צו די רעד פֿון די נְבִיאִים; זייערע נעמען זענען בעריהמט געוועזען אין לאַנד, און איין בְּרָכָה איז געוועזען פֿאַר יעדער מאַמען: „גאָט זאָל געבען אַ נָבִיא פֿון דײַנע נעדערס".

ווײַל דאָס פֿאָלק פֿון דעם לאַנד, און נאָר בעזונדער יעדער שטאַם, וואָס האָט געוואוינט בײַ די ברעגען פֿון הײליגען גאַנגוס, האָט אין געטומעל פֿון לעבען נישט פֿערגעסען זײַן אלטען יחוס, וואָס איז איבערגעגעבען געוואָרען פֿון טאַטעס צו קינדער, אַ דור צו אַ דור. די אַלטע מְסוֹרָה האָט דערצעהלט פֿון אַנ'אײַדעלער, דערהאָ־בענער ראַסע, וואָס שטאַמט אָב פֿון די געטער אַלײן און איז אַראָבגעשיקט געוואָרען אויף דער טרויעריגער ערד אָבצוקומען פֿאַר איהרע זינד. דעריבער האָט אַ טאָן פֿון טרויער שטענדיג געקלונגען אין זייער נשמה, און זייער האַרץ איז געוועזען אָפֿען און וואַלענדיג פֿאַר גײַסט און זאַכען פֿון גײַסט. די אַרבײַט האָבען זיי נישט ליעב געהאַט, און זייער לעבען האָט נישט געקענט אויספֿילען דאָס, װאָס אַ טענש טראַכט אום צו דערהאַלטען זײַן לעבען; זיי האָבען

ליעב געהאט דאס לעדיג-געהן, דאס גאר-נישט-טהון, דאס טראכטען און חלומ'ען, דאס לאנגע ליגען אויפ'ן גראז, פערבענקט איינצוקוקען זיך אין דער טיעפעניש פון הימעל און אין דעם אבגרונד פון דער אייגענער נשמה. מען האט נאך דעמאלט נישט געוואוסט פון אפיום, וואס בערוישט און וועבט פערכשופטע גלומטיגע פאנטאזיעס, דעריבער האבען מענשען זיך געווענדעט צו'ם לעבעדיגען ווארט, וואס אין מויל פון די נביאים, וואס האט זיי געוועקט און דערהויבען.

צווייערליי נביאים זענען געוועזען: נביאים פון טרויער און נביאים פון געלעכטער, און ביידע האבען איין לעהרע געלערענט.

א בראנד-פייער איז די וועלט, יעדער פערלאנג פון איישער הארץ איז אזוי ווי שטרוי אויפ'ן פייער, און יעדעס בעגעהרען — א נייער פלאם וואס פערצעהרט. ווייל א פערלאנג געבעהרט א פערלאנג, און בעגעהרען — בעגעהרען, און דער בראנד איז גרויס און אהן א סוף. צו וואס מאטערט זיך דער מענש צו דערפילען זיין הארץ, און דאס הארץ ווערט קיינמאל נישט פול, און דער גייסט ווערט קיינמאל נישט זאט. א קלייענער פונק אין איער הארצען איז דער ווילען צו'ם לעבען, און איהר האט איהם אויפגעבלאזען, און איצט זעהט! ער האט זיך צופלאקערט, און איהר שטעהט אין מיטען די פלאמען, און נישט קיין וואסער האט איהר געבראכט צו לעשען, נאר האלץ און שטרוי האט איהר צוגעלעגט.

אזוי האבען די נביאים געלערענט, און דאס פאלק האט געהארכט און גענומען זיך די רעד צו'ם הארץ.

האט א נביא פון טרויער גערעדט, איז זיין קול געוועזען ווייך און ציטעריג און האט זיך געגאסען מיט פיעל בארמהערציגקייט, און אזוי ווי די טענער פון א הארפע, וואס שווימען דורך דער פינסטערער נאכט פון ערגיץ וויים-וויים, אזוי האבען זיך דעם נביא'ס ווערטער אריינגעזאפט אין די הערצער און האבען גענלעט און געהיילט. מענשען האבען געהערט, און זייער הארץ האט זיך

בעדענקט אויף זייער גורל, אויף זייער מאטערניש, וואס הערט קיינמאל נישט אויף. און ווען דער נביא פון געלעכטער האט גערעדט, איז זיין קול געווען קלאר, ריין און דורכזיכטיג, אזוי ריין ווי דאס קול פון א זילבערנעם גלאק. נישט געשטראפט, נאר אויסגעלאכט האט ער די זינדיגע נארישקייט פון דער וועלט; פאדערנ־וויייז, פאדערנ־וויייז האט ער צונומען די נעטץ, וואס די פאנטאזיע האט אויסגעוועבט ארום דעם מענשליכען גייסט, כדי איהם צו פערפלאנטערען און צו פאנגען מיט פערשיעדענארטיגקייט, מיט מיה און זארג. און מענשען האבען געהארכט, און די ווערטער האבען זיי דערקוויקט און דערפרישט.

יעדער נביא איז באלד פון דער מאמעס בויך בעשטימט געווארען פאר זיין הייליג שליחות. די גוטע בשורה איז אנגעזאגט געווארען דער מוטער, ווי נאר זי האט אנגעהויבען צו טראגען, און אז דאס קינד איז ארויס פון דער מוטער׳ס שויס, האט עס זיך באלד געשטעלט אויף די פיס, געמאכט זיבען טריט פאראויס און האט זיך אויסגעדרעהט און געמאכט נאך דריי טריט און זיך געבוקט פאר אלע פערזאמעלטע. און מען האט געזעהן: האט זיך א קנייטש בעוויזען אויף זיין שטערן, איז עס געווען א סימן, אז ער וועט אויסוואקסען א נביא פון טרויער; האט זיך אבער א שמייכעל בעוויזען אויף זיינע ליפען, האט מען געוואוסט, אז א נביא פון געלעכטער איז ער.

אויפ׳ן ברעג פון הייליגען גאנגוס איז אין יענע צייטען געשטאנען אנ׳אלטע געביידע: די טעמפלען פון גאט פון טרויער און פון געלעכטער. אין דעם טרויער־טעמפעל איז מען אריינגעגאנגען דורך דער יבשה. ווער עס האט געהייליגט זיין נשמה און זיין גוף לויט׳ן געזעץ, האבען איהם די פריסטער אריינגעפיהרט אינוועניג אריין, האבען אראבגענומען דעם שלייער פון דער הייליגער געשטאלט, און דער מענש האט געזעהן א טרויעריג פנים, אויגען פול צער, און א שטערן, וואס א שווערער חאלקען פון געלייטערטער

מיה=זעליגקייט איז געלעגען אויף איהם. אָבער צו׳ם גאָט פֿון געלעכטער איז מען צוגעקומען דורכ׳ן וואַסער. צו׳ם ערשטען האָט זיך דער מענש געמוזט לאָזען אַליין אויף אַ לאָדקע דורך די כוואַליעס, וואָס האָבען האַסטיג געשלאָגען אויף יענעם אָרט. ער האָט געמוזט אַרויסווייזען אַ פֿעראַכטונג צו׳ם טויט, און אַז ער איז בשלום דורכגעקומען דעם וועג, האָט ער זוכה געווען צו זעהן די הייליגע געשטאַלט פֿון גאָט פֿון געלעכטער, מיט זיינע טיעפֿע גוטע אויגען, מיט די צוויי קנייטשען ביי ביידע זייטען פֿון מויל, און מיט די פֿיעל קנייטשען פֿון שטערן, וואָס האָבען דערצעהלט פֿון טרויער, וואָס איז שוין אַריבער, פֿון לעבען און מיה=זעליגקייט, וואָס איז איבערוואונדען געוואָרען, פֿון בערג, וואָס זענען אויסגעגלייכט געוואָרען, און פֿון אָבגרונדען, וואָס זענען אויסגעפֿילט געוואָרען מיט דעם אַש פֿון אַ האַרץ, וואָס פֿערצעהרט זיך אַליין.

אַ נביא פֿון טרויער, אַז ער איז אויפֿגעוואַקסען, האָט איהם זיין וועג געפֿיהרט צו זיין גאָט; און אַ נביא פֿון געלעכטער האָט געמוזט ביקומען דעם שווערען נסיון, ביז ער איז געהייליגט געוואָרען צו זיין פֿאַר דעם גאָט פֿון געלעכטער.

נאָר וועה איז צו דעם נביא פֿון געלעכטער, וואָס האָט איינמאָל אין לעבען געזעהן דעם גאָט פֿון טרויער, און וועה איז צו דעם נביא פֿון טרויער, וואָס דאָס פּנים פֿון דעם פֿרעמדען גאָט איז פֿאַר איהם ענטפּלעקט געוואָרען. גרוים איז געווען זיין זינד אַנטקעגען זיין גייסט, און די זינד האָט קיינמאָל נישט געקענט אָבגעוואַשען ווערען. פֿערוואָגעלט איז ער געווען אויף דער ערד, און פֿערשטויסען און פֿערשאָלטען אויף אַלע וועלטען.

אַלע האָבען דאָס געוואוסט.

---

# II.

און אַז די מוטער פון ראַיאַ־מאַנאָ, אַ פרומע פרוי און רייך מיט מעלות, איז מיט איהם טראָגעדיג געוואָרען, איז צו איהר געקומען אַ געטליכער מאַן איהר אָנצוזאָגען די בשורה, אַז אַ נביא איז אין איהר בויך.

און דער געטליכער מאַן האָט געזאָגט: אַ קליין וואָלקענדיל זעה איך אויפגעהן אויף דיין קלאָרען הימעל, און אַ שווארצען פלעק זעה איך אויף ריין גליק רוהען, דו פרומע פרוי און רייכע מיט מעלות, נאָר קיין בעשייד ווייס איך נישט.

און זי האָט געבוירען אַ זוהן, און דאָס קינד האָט געשפאַנט זיבען טריט פאָראויס און דריי צוריק און האָט זיך געבוקט, און אַ קנייטש האָט זיך געוויזען אויף זיין שטערן. האָבען אלע געוואוסט, אַז אַ נביא פון טרויער איז געבוירען געוואָרען.

נאָר אלע האָבען זיך געוואונדערט. אויף די ליפען פון קינד האָט זיך אין דער זעלבער צייט בעוויזען אַ קליינער־קליינער שמייכעל, קוים צו דערקענען.

אַז דאָס קינד איז אַנטוויינט געוואָרען, האָט איהם די מוטער געבראַכט צו׳ם גאָט פון טרויער, מקריב געווען קרבנות לויט׳ן געזעץ, און דאָס יונגעל ראַיאַ־מאַנאָ איז אויפגעצויגען געוואָרען דורך די נביאים און פריסטער צו זיין אַ נביא פון טרויער.

מיט דער צייט אָבער האָט מען דערקענט אין דעם קינד ווילדע סימנים, עס האָט געטראָפען, אַז ער האָט געקניהט פאַר דער היילינער געשטאַלט פון זיין גאָט, און זיינע אויגען זענען אָפען געווען איינצוזאַפען אין זיך דעם טרויער, וואָס דאָט זיך צו־גאָסען פון דעם גאָט׳ס אויגען, און אַ היילינקייט האָט גערוהט אויף דעם קינד׳ס פנים, נאָר פלוצלונג האָבען זיינע ליפען אַ ציטער געגעבען, און עפּיס אַזוי ווי אַ דינגער שמייכעל איז אויף זיי דורכגעלאָפען.

דאָס האָט נאָך קיינמאָל נישט געטראָפֿען, און אין די הייליגע ביכער איז וועגען דעם נישט פֿאַרהאַן געשריבען.

האָט מען געשיקט רופֿען זיין מוטער און מען האָט זי געפֿרעגט:

— דו פֿרומע פֿרוי און רײַכע מיט מעלות, די מאַמע פֿון נביא! זאָג! צי ביסט דו נישט געווען אין טעמפּעל פֿון גאָט פֿון געלעכטער, וואָס פֿון דער זײַט טײַך? ווײַל מיר ווייסען נישט, וואָס מיט דײַן זוהן איז, צי וועט ער אַ גרויס גליק אָדער אַ גרויס אומגליק ברענגען די קינדער פֿון דער ערד.

און זי האָט דערויף געענטפֿערט: ניין. אין טעמפּעל פֿון גאָט בין איך נישט געווען, נאָר אַ געטליכער מאַן האָט מיר געבראַכט די בשורה, אַז איך וועל געבוירען אַ נביא, און ער האָט געזאָגט: „איך זעה אַ שוואַרצען פֿלעק רוהען אויף דײַן גליק”.

די פּריסטער האָבען אויסגעהערט, האָבען געשאָקעלט מיט די קעפּ און האָבען מיט גרויס זאָרג געקוקט אויף דעם אויפֿוואַקסענדיגען נביא.

זיי האָבען איהם נישט געלאָזט אַרויסגעהן אין דרויסען, און אָנגעזאָגט האָבען זיי יעדען וואָס ס׳רעדט מיט דעם קינד, נישט צו דערמאָהנען דעם נאָמען פֿון גאָט פֿון געלעכטער פֿאַר איהם, און ער זאָל נישט וויסען פֿון דער געטליכער געשטאַלט, וואָס שטעהט מיט׳ן פּנים געווענדעט צו די רוישענדיגע כוואַליעס.

אַזוי איז דאָס קינד אויפֿגעצויגען געוואָרען, אָבגעזונדערט און בעהאַלטען פֿון דער וועלט, אַליין מיט די הייליגע ביכער און ער האָט דערצויגען זײַן האַרץ מיט דעם ווייטהאָג פֿון אַלע וועלטען, מיט דעם גרויסען טרויער, וואָס איז אין אַלעם לעבעדיגען און אין אַלעם טויטען, און זײַן קול איז געוואָרען פֿון טאָג צו טאָג מעהר געלויטערט, און האָט ציטערינג זיך געגאָסען, אַזוי ווי די טענער פֿון אַ האַרפֿע, וואָס שווימען דורך אַ פֿינסטערער נאַכט פֿון ערגעץ ווייט-ווײַט.

נאָר קײן רוה האָט ער נישט געפֿונען, דער יונגער נביא. און עס האָט געטראָפֿען, אַז ער פֿערטיעפֿט זיך אין געדאַנקען, און איהם בעוועלטיגט דער גרויסער טרויער פֿון דער וועלט, און זײַן נְשָׁמָה צוגיעסט זיך אין ווײַלע ווײַסע טענער, און די שְׁכִינָה פֿון טרויער הויבט אָן צו רוהען אויף איהם און שײַנט אַראָב פֿון זײַן געלײַטערט פּנים, נאָר פּלוצלונג ציטערט עפּיס אַ ווילד־פֿרעמדע סטרונע אין זײַן האַרץ, איהם דוכט זיך, אַז ער האָט ערגיץ געזעהן לאַבערינגע אויגען, אַ שפּאָטיש געזיכט, און עפּיס אַ פֿרעמדע אונבעקאַנטע וועלט. וואו האָט ער געזעהן די אויגען? ווען האָט ער געלעבט אין יענער וועלט? און וואָס בעטײַט דאָס אַהנען פֿון זײַן האַרץ? און פֿון וואַנען קומט ער? און וואָס טהוט ער דאָ, און וואָס זוכט ער?

אַ קורצע ווײַלע האָט ער אַזוי געטראַכט, נאָר די רוהיגקײַט פֿון זײַן האַרץ איז פֿון איהם אַבגעטהון געוואָרען אויף גאַנצע טעג און וואָכען.

און טהײַלמאָל האָט אַ פּלוצלינגע גרויסע שרעק איבערגעריסען זײַן שלאָף בײַנאַכט; זײַן האַרץ האָט האַסטיג געקלאַפּט. דעם נאָך פֿון געלעכטער האָט ער געזעהן אין חלום, און ער האָט זיך געשראָקען פֿאַר דעם פּנים, און זײַן האַרץ האָט דאָך געצויגען צו איהם, און די נשמה זײַנע האָט געבענקט נאָך איהם.

און אַ מאָל בײַנאַכט, אַז ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אַזוי אין זײַן גרויסער שרעק, האָט ער אויפֿגעוועקט דעם עלטסטען פֿון די פּריסטער און האָט פֿאַר איהם געעפֿענט זײַן האַרץ:

— פֿערטיעפֿט אין געדאַנקען פֿון גרויסען טרויער בין איך אײַנגעשלאָפֿען — האָט ער דערצעהלט — נאָר אין חלום האָט זיך צו מיר בעוויזען אַ גרײַז־גראָהער מאַן, אַזוי רוהיג איז ער געווען, שפּעטיש, און געלעכטער פֿול... און ער האָט אויף מיר געקוקט מיט זײַנע אויגען...

— וואָס פֿאַר אַ אויגען זענען דאָס געווען? — האָט דער אַלטער מיר בעדינער פֿון גאָט געפֿרעגט.

— גוטע, טיפע און פול פריעדען און פול רוהינקייט... און אַ שפּאַט, אַזאַ גרויסער שפּאַט איז געלעגען אין זיי... און אויף די ליפען אַ געלעכטער... אַזאַ געלעכטער, וואָס געהמט דורך אַ מענשען... איך שרעק מיך, הייליגער גאָט! אַ בייזער גייסט פּלאָגט מיך, העלף מיר, געטליכער גאָט.

איז דער אַלטער אויפגעשטאַנען פון זיין געלעגער אין מיטען דער נאַכט, האָט צוגעפיהרט דאָס יונגעל צו׳ם פייער, וואָס ער האָט אָנגעצונדען, און האָט לאַנג בעטראַכט זיין פּנים, ביז ער האָט דערזעהן צוויי קליינע, דינע געלעכטער-קנייטשען פון ביידע זייטען פון זיין מויל.

„שרעקליך!“ האָט ער געטראַכט ביי זיך אין האַרץ, נאָר דעם יונגעל האָט ער גאָר נישט געזאָגט; נישט ער האָט איהם געטרייסט און נישט ער האָט געפּרובט צו שטילען זיין אַנגסט.

---

## III.

איינמאָל איז ראַיאַ-מאַנאַ געווען אַליין ביי טאָג צווישען די לערינגע דיקע פייער וועגנד פון טעטעבעל און האָט צוגעגייגט זיין אויער צו הערען ווי די כוואַליעס רוישען אין דרויסען. געדאַכט האָט זיך, אַז אין דרויסען געשיעהט עפּיס אַ וויכטיגע זאַך; לאָרקעס קומען און געהן-אָב; איהם האָט זיך געדוכט צו הערען אַזוי ווי אַ רודערען פון פיעל שיפלעך, און טריט פון מענשען, וואָס שפּרינגען אַרויס פון וואַסער אויף אַ האַרטער מאַרמאָרנער מויער. דער אַלטער לעהרער זיינער איז דעם טאָג געווען בעטריבט, און מיט אַ שטאַרקער זאָרג האָט ער געקוקט אויף דעם יונגעל.

„היינט וועט עפּעס געשעהן“, האָט ער געטראַכט, נאָר דעם אַלטען האָט ער גאָר נישט געזאָגט און גאָר ניט געפרעגט. פון יענע נאַכט אַן זענען זייערע הערצער פאַרפּרעסטעס געשטאָרען

איינס צו'ם צווייטען. דער יונגער נביא האט מעהר נישט אויסגערעדט, וואס ביי איהם אויף דער נשמה, פאר דעם אלטען, און אויך דער אלטער האט מעהר נישט געשמועסט אזוי פערטרויט ווי פריהער מיט איהם; נישט ער האט איהם געקושט ווי אמאל, נישט ער האט געגלעט זיינע לאקען מיט זיין ציטעריגער אלטער האנד, און היינט זענען זיי זיך געשטאנען נאך מעהר פרעמד, נאך מעהר ווייט איינער פון אנדערען.

און ביינאכט איז ראיא-מאנא'ס שלאף פערוואנעלט געווארען, האט ער אנגעשטרענגט זיין געהער אויפצוהארכען יעדען קלאנג, יעדען מינדסטען ריהר פון דרויסען. דורך דער לאנגער צייט, וואס ער איז דא אויפגעצויגען געווארען און איז געוועזען אליין מיט די פיער ווענד, מיט זיין אייגענעם גייסט און מיט די הייליגע בילדער — זענען זיינע אויערען פערפיינערט געווארען אויפצוחאפען דאס לייכטסטע ווידער-קול פון דער ווייטען, חאטש דיק און פעסט זענען געוועזען די ווענד. און געאהנט האט ער, אז דאס פאלק אין דרויסען ריכט אב איצט א גרויסע דיענסט צו א גאט, וואס ער ווייס נישט און קען נישט. און קעגען האלבע נאכט איז שטיל געווארען דאס גערודער אין דרויסען, און ראיא-מאנא'ן האט זיך געדוכט צו זעהן, ווי א גרויסע מענגע זינקט אנידער אויף די קניהען און בעט א שטיל געבעט. און נאך דער שטילקייט האבען טענער פון הייליגע געזאנגען געגוטען ציטערען אין דער לופט. איינמאל אין יאהר פלעגט אזא דיענסט אבגעריכט ווערען אויך דא, צו'ם גאט פון טרויער, און אויך דעמאלט האט מען געקניהט ביז האלבער נאכט, און דערנאך האבען געזאנגען אונטערגעבראכען די שטילקייט. נאר גאר אנדערש זענען געוועזען די געזאנגען וואס ער האט איצט געהארכט פון יענע, וואס זענען דא געזונגען געווארען. פון אנדערע קוואלען האבען זיי געשטאמט און צו אנדערע ים'ען האבען זיי געפלאסען. נישט יענע געזאנגען זענען געוועזען דאס מיט די אויסגעצויגענע טענער, די גלייכע און שטייפע וואס זענען ווי פערגליווערט געווארען

אין זייערע גרענעצען. איצט האָבען זיי געשטיפּט, געלאָפען און געיאָגט איינער דעם אַנדערען און האָבען זיך פערוויקעלט און אויפגעוויקעלט אין טאַנץ פון אַ צוהוליעט געמיט, און אַ שטערן צו אַ שטערן האָט געוואונקען, און די זון צו דער לְבָנָה האָט געלאַכט אין די נייע מעלאָדיעס.

און דער יונגער נביא האָט צוגעפּרעסט זיין אויער צו דער וואַנד, און זיין גייסט האָט דורשטיג געטרונקען די נייע געזאַנגען. עפּיס אַ מין שכּרות האָט געשטעקט אין זיי, וואָס האָט בערוישט און האָט פעריאָגט דעם גרויסען טרויער, און האָט זיך איינגעזאַפּט אין גייסט, אין יעדע איינציגע צעלע פון דער נשמה און האָט זי צולעגט און פערדאָרבען. נאָר זיס איז געווען דער גיפט! אַן׳אָבקלאַנג פון נייע וועלטען האָט ער געבראַכט מיט זיך, און אַ טרייסט און אַ גוטען צוזאָג פאַר דער צושטערונג, וואָס ער צושטערט. אַזוי איז ראיאַ=טאַנאָ געשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט און געהאָרכט אָהן אויפהער.

און קענען פריה=מאָרגען, ווי נאָר דער הימעל איז בלאַס געוואָרען אויף מִזְרַח=זייט, האָבען די געזאַנגען אויפגעהערט, און אַ שווערע שטילקייט האָט זיך געלעגט אויף אַלץ אַרום. דעמאָלט איז אַ גרויסער שרעק בעפאַלען דאָס קינד, אַליין איז ער געבליבען מיט זיין פערוויסטער צושטערטער נְשָׁמָה, ער האָט אויסגעבראָכען אין אַ גרויס געוויין און די שענע לאָקען פון זיין קאָפּ האָט ער געריסען מיט זיינע הענד פון גרויס וועהטאָג

— וואָס איז דיר? — האָט דער אַלטער געפרעגט דערשראָקען.

— איך האָב געהערט, איך האָב אויפגעהאָרכט — האָט ער געשטאַמעלט — אַ גאַנצע נאַכט. אַ יום=טוב איז געווען אין דרויסען, אַ יום=טוב פון אַ גאָט, וואָס איך ווייס איהם נישט... מיין האַרץ איז פערוויסט. מיין נשמה -- צושטערט, זאָג אַלטער, זאָג מיר וואָס בעטייט דאָס, וואָס האָב איך געהערט, וויל מיין אַנגסט איז גרויס. און איך וועל שטאַרבען פון איהר

– וואָס האָסטו דען געהערט? – האָט דער אַלטער איבער-געפרעגט.

– געזאַנגען האָב איך געהערט, הייליגע ליעדער צו אַ פרעמ-דען גאָט...

– וואָס פאַר אַ געזאַנגען?

– זיי האָבען געלאַכט, געשפּעט, האָבען געשטיפּט און זיך פערוויקעלט אין אַ ווילדען טאַנץ, און טיעף אין דער נשמה האָבען זיי איינגעדרונגען זי צו צושטערען און זי אויף דאָס-ניי צו בויען, און איך האָב געהאָרכט, אַ גאַנצע נאַכט אויפגעהאָרכט, און זייער כּשוף האָט מיך געפאַנגען. און מיר האָט זיך געדוכט, אַז גאַנצע מחנות פון ווייסע טויבען און גאַנצע מחנות פון שוואַרצע קראָהען פליהען, דרעהען זיך איבער מיין קאָפּ אַ גאַנצע נאַכט, ביז פריה-מאָרגען... איצט בין איך געבליבען עלענד, פערוויסט, אַליין, פערלאָז מיך נישט, פאָטער מיינער!

דער אַלטער אָבער האָט גאָר נישט געענטפערט, ער האָט איהם נישט געטרייסט און האָט נישט גערעדט צו זיין הארץ צו לינדערען זיין אַנגסט, נאָר ער האָט געשוויגען און געשאָקעלט מיט דעם גראָהען קאָפּ.

און ראַיאַ-מאַגאַ איז געפאַלען צו זיינע פיס, געקושט די שטויב פאַר דעם אַלטען און געוויינט און געבעטען:

– פערלאָז מיך נישט, אַלטער. זעה: מיין יונג הארץ קאָן נישט איבערטראָגען די גרויסע לאַסט פון בענקשאַפט. זעה: מיין אַנגסט פערצעהרט מיך פון טאָג צו טאָג, און דו האָסט דיין טרייסט פון מיר דערווייטערט, און וואָכען שוין האָבען דיינע טרוקענע לי-פען מיך נישט געקושט, און דיינע דאַרע פינגער האָבען שוין לאַנג נישט געגלעט די האָהר פון מיין קאָפּ, און גרויס איז מיין וועה-טאָג, און איך האָב קיין אויסגאַנג נישט. און דאָרטען, דרויסען, איז אַנ'אַנדערע וועלט, אַנדערע געזאַנגען. פאַר וואָס פערבאָרגסט דו פון מיר די נייע וועלט? וואָס פאַר אַ סוד בעהאַלסטו, אַלטער,

אין דיין הארץ פון מיר? העלף מיר, הייליגער פאטער; העלף! זאג!

דער אלטער האט אידם שטיל אויסגעהערט, האט פערלעגט זיינע הענד אויף דער ברוסט און האט געענטפערט:

– איך קאן דיר גאר נישט זאגען, מיין קינד. א גרויס געפאהר שוועבט איבער דיין יונגען קאפ, און איך קאן נישט העלפען.

# IV.

און עס איז אנגעקומען די צייט, ווען ראיא-מאנא האט מעהר נישט געקענט בעוועלטיגען זיין פערבענקט הארץ. ביינאכט האט ער שטיל פערלאזט די פיער ווענד און האט זיך ארויסגע-גנב'עט אין דרויסען, בעהאלטענדיג זיך אזוי ווי א גנב אדער א פערברעכער. מיט דער פולער ברוסט האט ער איינגעאטהעמט די פרישע לופט, און זיינע אויגען האט ער דערהויבען צו דער טיפער בלאהקייט פון הימעל, צו די שארען פון גרויסע און קליינע שטע-רען און צו די פערנעפעלטע פלעקען פון דעם מילך-פאס אין הי-מעל, און ער האט זיי געזעהן, נאר זיין גייסט האט זיי נישט אויפ-גענומען, און ער האט זיי נישט איינגעזויגט אין דעם געוועב פון זיין נשמה. פרעמד, אבגעזונדערט און נישט-געבונדען איז איהם אלץ אויף דער וועלט געווארען, זינט דער ווארם פון צווייפעל האט גענאגט זיין הארץ. א גאנצע נאכט איז ער געגאנגען ארויף און אראב מיט דעם ברעג פון הייליגען טייך גאנגוס, און יענע פרעמדע געזאנגען האבען געקלונגען אין זיין נשמה. און ביי דער ערשטען שיין פון פריה-מארגען האט ער דערזעהן דעם טעמפעל, וואס זיין טויער איז אפען צו'ם וואסער צו, און ער האט פער-שטאנען, אז דא איז די וואוינונג פון דעם פרעמדען גאט.

און אַ נאַכט דערנאָך האָט ער זיך שוין געלאָזט מיט אַ שיפֿעל אויף די רוישענדע כוואַליעס און איז בשלום צוגעקומען צו'ם טויער. מיט אַ ציטערינגער האַנד האָט ער אַראָבגענומען דעם שלייער פֿון דער הייליגער געשטאַלט, און פֿאַר זיינע אויגען האָט זיך ענטפּלעקט דער גאָט פֿון געלעכטער, וואָס איז געשטאַנען רוהיג און האָט אָנגעקוקט דאָס קינד מיט זיינע לאַכעדיגע אויגען. אַ גרויסע ענטציקונג איז בעפֿאַלען דעם יונגען נביא, און ער איז געפֿאַלען אויף די קניהען און אַרומגענומען מיט זיינע הענד די פֿיס פֿון דעם הייליגען גאָט. אָט דאָס האָט ער דאָך אַזוי לאַנג געוואָלט, די געשטאַלט האָט זיך דאָך צו איהם בעוויזען אין חלום! און אַזוי ווי אַ מענש, וואָס מען האָט אַראָבגעריסען אַ הייטעל פֿון זיינע אויגען צו זעהן די ליכטיגע וועלט, אַזוי איז ראַיאַ=מאַנאָ'ן איצט אויפֿגעגאַנגען אַ נייע ליכטיגקייט און אַ נייע וועלט. אין דעם הייליגען פנים, אין די קנייטשען פֿון זיין שטערן איז שוין פֿערזאַמעלט געוועזען דער גאַנצער וועהטאָג פֿון דער וועלט, דער גרויסער טרויער איז געוועזען אין זיי, נאָר זיי זענען פֿערוואַנדעלט געוואָרען אין געלעכטער. דער שמערץ פֿון דער וועלט האָט אַרויסגעלאַכט פֿון די אויגען, און דער גרויסער וועהטאָג און דער גרויסער טרויער. די גאַנצע וועלט מיט איהר נעטץ פֿון פֿערשיעדענאַרטיגקייט זענען פֿערוואַנדעלט געוואָרען אויף געלעכטער. אַזוי איז ראַיאַ=מאַנאָ געשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט און האָט דורשטיג געטרונקען דאָס געלעכטער, וואָס האָט געפֿלאָסען פֿון די געטליכע אויגען און האָט פֿערוואַנדעלט זיין האַרץ.

און יעדע נאַכט פֿלעגט ער קומען צו דיענען אַליין זיין נייעם גאָט, צו טרינקען פֿון זיין טיעפֿען קוואַל, און זיין גייסט איז נישט געוואָרען טרינקענדיג.

איין נאַכט אָבער איז געשעהן אַ ווילדע זאַך:

ראַיאַ=מאַנאָ האָט געקניהט פֿאַר זיין גאָט מיט ליעב און געזאַנג, און ער האָט זיך מיט זיין גוף און זיין נשמה בעהעפֿט צו

אִיהם און צונעֶצױגעֶן געֶװאָרעֶן צו אִיהם, אַזױ װי אײַזעֶן װאָס צִיהט זִיך צו׳ם מאַגנעֶט, און עֶר האָט געֶקושט דאָס הײליִגעֶ בִּילד און אַרומגעֶװיִקעֶלט זײַנעֶ העֶנד אַרום אִיהם, און דאָ האָבעֶן זײַנעֶ העֶנר דעֶרשפִּירט, אַז אױך פֿון דעֶר צװײטעֶר זײַט אִיז דאָס בִּילד דאָס זעֶלבּעֶ. פּאַמעֶלִיך אִיז עֶר אַרומגעֶגאַנגעֶן און געֶבּלִיבּעֶן שטעֶהן פֿון דעֶר צװײטעֶר זײַט און האָט דעֶרזעֶהן — דִי בּעֶקאַנטעֶ געֶשטאַלט פֿון גאָט פֿון טרױעֶר. שרעֶקלִיך אִיז דאָס געֶװעֶן צו זעֶהן: אײַן קעֶרפּעֶר אִיז דאָס געֶװעֶן מִיט צװײ פּנִימעֶר, און דִי צװײ פּנִימעֶר זעֶנעֶן געֶװעֶן גלײַך: אײַן אױסזעֶהן, אײַן געֶשטאַלט, נאָר װאָס דאָ האָט דאָס געֶשטאַלט געֶלאַכט, און דאָרט — געֶטרױעֶרט.

און ראַיאַ־מאַנאָ האָט געֶזעֶהן, װאָס קײן שום נבִיא און קײן שום הײלִינעֶר פֿאַר אִיהם האָט נִישט געֶזעֶהן: עֶר האָט געֶזעֶהן דעֶם טאָפּעֶלטעֶן גײַסט, דִי געֶטאָפּעֶלטעֶ פֿאָרם: דאָס לאַבעֶן און דאָס טרױעֶרעֶן, װאָס פֿלִיעֶסעֶן פֿון קװאַל פֿון אײן־אײנצִיגעֶן גאָט.

פֿון דעֶמאָלט אָן אָבעֶר אִיז ראַיאַ־מאַנאָ געֶװאָרעֶן פֿעֶרװאָגעֶלט אױף דעֶר װעֶלט, און זײַן גײַסט האָט נִישט געֶװאוסט מעֶהר פֿון רוּה.

אַ נבִיא אִיז עֶר געֶװעֶן און פֿאַר אַ נבִיא אִיז עֶר געֶהײלִיגט געֶװאָרעֶן פֿון זײַן מוטעֶרס בּױך, נאָר דאָס פֿאָלק האָט אִיהם נִישט געֶקעֶנט, האָט אִיהם קײן כָּבוד נִישט אָבגעֶגעֶבעֶן און האָט נִישט געֶשעֶפּט פֿון זײַן גײַסט.

עֶס האָט געֶטראָפֿעֶן, אַז ראַיאַ־מאַנאָ פּרעֶדִיגט פֿאַר׳ן פֿאָלק, זײַן פּנִים לאַכט, און זײַן געֶשִיקטעֶ צונג מאַכט צו שפּאָט און צו געֶלעֶכטעֶר דִי גאַנצעֶ זאָרג און דִי גאַנצעֶ מִיה־זעֶלִיגקײט פֿון מעֶנשעֶן און געֶטעֶר פֿון אַלעֶ צײַטעֶן, זײַן קוֹל קלִינגט אַזױ װי דעֶר קלאַנג פֿון אַ זִילבּעֶרן גלעֶקל, און דעֶר װעֶהטאָג לאַכט, און דעֶר שמעֶרץ לאַכט. נאָר אִין מִיטעֶן דעֶרהעֶרט זִיך אַן׳אָבקלאַנג פֿון גרױסעֶן טרױעֶר, און זײַן נשמה צוגִיעֶסט זִיך פּלוצלִינג אִין װײכעֶ פֿעֶרבּעֶנקטעֶ װעֶרטעֶר... העֶרט דאָס פֿאָלק און װײס נִישט, װאָס דאָס זאָל בּעֶדײַטעֶן.

...еврейской истории и литерат... Библиотека академическ. [illegible] ферейна



אָדער ער שטראָפט און וועקט די הערצער און קלאָגט זיך אויף דעם מאַטערניש פון דעם מענש און פון אַלעם לעבעדיגען, און אַזוי ווי די טענער פון אַ האַרפע, וואָס שווימען דורך דער נאַכט פון ערגעץ ווייט-ווייט, אַזוי ציטערט זיין קול, און דער גרויסער טרויער צוגיסט זיך פון זיין גייסט, און פלוצלונג פערוואַנדעלט זיך זיין גייסט ענדערט זיך דער אויסדרוק פון זיין פנים, און אַ גערויש פון געלעכטער פערדעקט דעם טרויער... הערט דאָס פאָלק און ווערט בייז, וואָס די שענע מעלאָדיע איז איבערגעריסען געוואָרען, אויף דעם נביא, וואָס קען נאָר שפּאַלטען די גייסטער.

— דאָס איז קיין נביא נישט, נאָר אַ משוגענער — האָט דאָס פאָלק געזאָגט.

און אַז ער האָט אויפגעהויבען זיין קול צו רעדען, האָבען די קינדער פון איהם געשפעט און בעוואָרפען איהם מיט שמוץ.

איז ער אַנטלאָפען דער נביא פון ישוב און מיט די אַסקעטען אין דער מִדבָּר האָט ער געוואוינט און ער האָט, ווי זיי, געפייניגט און געלייטערט זיין גוף, און גאַנצע טעג פלעגט ער קוקען אָהן אויפהער אויף דער ברענענדיגער זון, כדי די אויגען זאָלען איהם שמערצען אום ער זאָל זיך געוואוינען איבערטראָגען אַלע פיין שטום און געדולדיג, אַזוי ווי די אַסקעטען לערנען, נאָר אַ הייליגער איז ער נישט געוואָרען. אין מיטען פון זיין אַסקעטעריי איז איהם בעפאַלען דער גייסט פון געלעכטער, און קוקענדיג צו דער זון, האָבען זיינע פערוועהטאָגטע אויגען געלאַכט פון שמערץ, פון דער וועלט, פון אַסקעטעריי.

און צו די נביאים פון געלעכטער איז ער געגאַנגען און עס האָט איהם נישט געהאָלפען. ווייל אין מיטען לאַכען איז איהם בעפאַלען דער גייסט פון טרויער, און זיין קול האָט אָנגעהויבען ציטערען און בענקען.

אַזוי האָט ראַיאַ-מאַנאַ אָבגעלעבט זיינע יאָהרען, מיט קיינעם נישט בעהאָפטען, אָהן פריינד און געליעבטע, עלענד און פער-

לאָזט, געיאָגט און געלעסטערט פֿון די יונגען פֿון דער גאַס.

ער האָט געזעהן די טאָפּעלטע געשטאַלט, און איז זיין גאַנץ לעבען אָבגעקומען פֿאַר זיין זינד.

און אַז ער איז געשטאָרבען, האָט מען איהם נישט בעקלאָגט און מען האָט איהם נישט בעגראָבען צווישען די נביאים, און מען האָט נישט דערמאָהנט זיין נאָמען צו'ם גוטען. נאָר איין קלוגער מאַן האָט דעמאָלט געלעבט אין לאַנד, וואָס האָט בערייזט פֿיעל לענדער און האָט געזעהן פֿיעל פֿעלקער און געזאַמעלט אומעטום חיסענשאַפֿט; ער האָט געזאָגט:

– גיט אָב כבוד דעם נאָמען פֿון ראַיאַ־מאַנאָ. ער האָט געטראָגען דעם גרעסטען וועהטאָג פֿון גייסט.

# אַפְּלוּצְלִינֶגֶע עֶלְטֶער.

דער לעצטער ווינטער האָט אָנגעוואָרפען אויף די טאָשלינער איינוואָהנער אַ גרויסע מָרָה־שְׁחוֹרָה. אַלע וועגען אַרום דעם קליינעם שטעדטעל, זענען געווען פערוואָרפען מיט שניי, און די בַּעֲלֵי־עֲגָלוֹת פלעגען אָפט אַראָב פון וועג און בלאָנזשען. אויף די דערפער, האָט מען דערצעהלט, פאַלען ביינאַכט אָן הונגעריגע וועלף און צערייסען, וועמען זיי טרעפען. עפּעס אין אַ וואַלד האָבען גַזְלָנִים דערהַרְג'עט דעם שרייבער מיט דער גאַנצער פאַמיליע. פויערען האָבען זיך געפוילט צו קומען אין שטאָדט אַריין, די געשעפטען זענען געשטאַנען, עס איז געווען טויט און טרויעריג.

שווערער פאַר אַלעמען האָט דער ווינטער געטראָפען שְׁמוּאֵל קאָצקער. צו הונגער און קעלט איז ער אַפִילוּ געווען געוואוינט. אין זיינע גאַנצע 70 יאָהר האָבען זיך געפונען נאָר וועניג טעג, ווען ער האָט נישט געזאָלט ברויכען אַ גילדען־צוויי צוועהר נויטיג. געווען איז ער אַ שַׁדְכָן, נאָר קיין שידוך, אַזוי ווי מען רעדט אין „שטיבעל״, האָט ער נאָך צייט ער לעבט נישט אויסגעפיהרט; פאַר דאָס האָט ער ביי יעדען שידוך געכאַפּט עפּעס. ווען אַ שידוך האָט שוין געהאַלטען ביי'ם אויסגעפיהרט ווערען, ווען אין שטיבעל האָט מען שוין פון איהם גערעדט אָפען, איז שְׁמוּאֵל דערמאָלט צוגעגאַנגען צו איינעם פון די מְחוּתָּנִים, האָט איהם אַוועקגעפיהרט אין אַ זייט און האָט איהם איינגערוימט אַ סוֹד אין אויער – דעם זעלבען שידוך, וואָס האָט

שוין געהאלטען אויסגעפיהרט צו ווערען. דער מחותן, אויב ער איז נאר נישט געווען קיין גרויסער נאר, האט פערשטאנען, אז מען ברויך צו שווייגען און האט געשוויגען. דערנאך האט מען געוואוסט, ברויך מען שמואל קאצקער צו געבען א רובעל־צוויי, און ער ברויך צו שרייען, צו זידלען, צו שעלטען, אז מען רייסט איהם אוים. און צו זיין שרייען, זידלען און שעלטען זענען אלע שוין געווען צוגעוואוינט. דער גבאי פון שטיבעל ביי וועלכען שמואל האט גענומען „כוללות", איז שוין אזוי געוואוינט געווען צו הערען זיך שעלטען פון שמואל'ן, אז עס האט אויף איהם שוין גאר קיין איינדרוק נישט געמאכט: ער פלעגט שטעהן און רעדען מיט'ן ווייב וועגען מסחר און שמואל פלעגט דערביי שעלטען,ווארפען זיך, קלאפען אין טיש אריין און מאכען געוואלטען, אז ער איז א ייד א חסיד, א קאצקער חסיד, אז דרך־ארץ זאל מען האבען פאר איהם, און — גארנישט; ער האט צו'ם סוף צוגענומען די 2 גילדען און איז ארויס־געגאנגען. דאך ער אליין, שמואל קאצקער, איז מיט דעם שעלטען נישט געוואוינט געווען. יעדעס מאל האט ער זיך געפיהלט בעלעדיגט גאר אויפס'ניי, איז געווארען אויפגערעגט און האט געזידעלט און קולות געמאכט מיט'ן גאנצען הארץ... און אזוי, אדער כמעט אזוי, שטענדיג אויפגערעגט, שטענדיג מלחמה האלטענדיג מיט אלע און נעגען אלע, האט ער דער־לעבט ביז 70 יאהר, נישט וויסענדיג, אז ער ווערט אלט, אז ער לעבט בכלל... אינגאנצען האט דאס אויסגעזעהען עפעס ווי א פארברייטען זיך, עפעס אנ'איבערקומעניש, אום אנהויבען צו לעבען, — ביז צו'ם לעצטען ווינטער, ווען ער איז געווארען שוואכער און קעלטער. דערצו איז מען פלוצלונג געוואהר גע־ווארען, אז ער איז אלט 70 יאהר.

דאס איז געווען בשעת דער זוהן זיינער איז געשטאנען צו'ם פריזיוו, און אין פריסוטוויע האט מען אויסגערופען

Academischer Verein für

בפירוש: „שמואל יאַנקיעליעוויטש סיעמדיעסאַט ליעט". די גאַנ־צע שטאָדט איז געוואָהר געוואָרען דעם סוד, וואָס שמואל האָט בעהאַלטען פון זיך אַליין און די איבערראַשונג פון דעם נייעס איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט אומעטום גערעדט און געשמועסט נאָר דערפון. קיינעם האָט נישט געקאָנט איינ־פאַלען, אַז דאָס גיכע פלינקע יידעל מיט דעם קליינעם בערדעל, וואָס מען קאָן דערויף נישט זאָגען צי ס'איז גרוי צי ברודיג גאָר אָהן שום קאָליער אַז אָט דער שמואל וואָס אײַלט זיך שטענדיג און לויפט שטענדיג און קריענט זיך און הערט קיין מינוט נישט אויף צו רודערן — איז שוין אַ בן־שבעים, אַ ייד אַ זקן, פאַר וועלכען מען וואָלט אייגענטליך געברויכט צו האָבען דרך־ארץ.

— אַזוי, שמואל? די ביזט שוין, קיין עין־הרע, אַ ייד אַ זקן? אוי־וואַ! — האָט מען איהם בעגעגענט אין שטיבעל.

— אַ מעשה! אָבער אַ מעשה! — האָט מען זיך גע'חרושט פון אַנ'אַנדערער זייט, — מען ברויך זיך גאָר אויפצושטעלען פאַר דיר!

און וואו ער איז געגאַנגען, האָט מען איהם אַליץ בעגעגענט מיט אַזעלכע פראַגען שמואל האָט געפרובט צו שמייכלען, געענטפערט נישט צו דער זאַך און האָט גערעכענט, אַז באַלד וועט מען דערין פערגעסען, און אַליץ וועט זיין ווי פריהער. ער האָט אָבער אַ טעות געהאַט.

אַז מען האָט איהם געזעהן לויפען איבער דער גאַס, האָט מען זיך גע'הדושט און אונטערגעברומט „קיין עין־הרע, אַ ייד אַ זקן"; אַז ער האָט געשריגען און געזידעלט אַלע, האָט מען איהם דערמאָנט זיינע 70 יאָהר, און אַז מען האָט בעמערקט, אַז ער וויל דערפון נישט רעדען, האָט מען זיך געוויצעלט אויף זיין חשבון:

— וואָס איז די חרפה? — האָט אַמאָל אין שטיבעל זיך

אָנגערופֿען מיט אַ שמייכעל איינער אַ קעסט-יונגערמאַן, אַ גרויסער שטיפֿער – וואָס איז די עוֹלָה, מיינסטו, שְׁמוּאֵל? נאָר דאָס בערדעל דיינס איז עפּעס נישט גרוי, אָט דאָס איז אַ קַשְׁיָא!

און ער האָט אָנגענומען שמואל'ן פֿאַר'ן בערדעל אויפֿ'ן חַסִידישען שטייגער.

אַנ'אַנדערס מאָל און ביי אַנדערע געלעגענהייטען וואָלט שמואל'ן נישט איינגעפֿאַלען זיך צו פֿיהלען בעלעדיגט: יעצט אָבער האָט דאָס איהם געבראַכט שרעקליך אין כַּעַס אַריין, און ער האָט געשריגען:

– שייגעץ! פּוֹשֵׁעַ-יִשְׂרָאֵל! אַ ייד אַ לַמְדָן, אַנ'אַלטען חָסִיד! וואָס מיינסטו דו דאָס דיר?! מיך – פֿאַר'ן באָרד?! פּעטש וועסט דו קריגען! אַרויס פֿון שטיבעל, אַרויס, שייגעץ!

און די מַעֲשֶׂה וואָלט זיך אַוַדַאי געענדיגט מיט פּעטש, ווען מען זאָל שְׁמוּאֵל'ן נישט אָבהאַלטען מיט כֹּחַ. – עס איז נעפּליבען, אַז דער יונגערמאַן זאָל שטעלען פֿאַר אַ קַנַס בראַנפֿען, און בייַ'ם לְחַיִים טרינקען האָט מען שְׁמוּאֵל'ן געוואונשט אַ נוטע עלטער.

אָט אַזוי האָט שמואל דעם ווינטער פּלוצלונג דעם קוראַזש פֿערלוירען און האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפֿינען. אַלעס איז געוואָרען עפּעס אַנדערש; מען האָט מיט איהם גערעדט אויף אַנ'אַנדער אוֹפֶן, ער האָט אַנדערש געענטפֿערט; יונגעלייט האָבען איהם אָנגעהויבען צו איהרצען; דער גַבַּאי פֿון פּוֹלְלוֹת האָט שוין נישט געשוויגען, ווען שמואל האָט געזידעלט און געשריגען; אַדְרַבָּה, ער האָט איהם געפּרובט איינצונעהמען מיט ווייכע רעד:

– וואָס קאָן מען טהון, ר' שְׁמוּאֵל? ס'איז דאָך נישט דאָ פֿון וואַנען? אַ ייד ווי איהר, פֿערשטעהט דאָך אַליין.

די רעד האָבען אָבער צו שְׁמוּאֵל'ן גאָרנישט געפּאַסט, ער איז נישט געוואוינט געווען צו ענטפֿערן אויף זיי, און ער האָט

בּשום אופן נישט געקאָנט אַרייַנגעהן אין די ראָלע פון א ייִר א זקן, און האָט זיך געפיהלט ערגער און טרויריגער פון טאָג צו טאָג. די פיס זייַנע האָבען איהם אַלץ נאָך געטראָגען געשווינד, ער האָט געוואָלט אייַלען, לויפען און שרייַען, ווי געוועהנליך, אינמיטען אָבער האָט איהם איבערגעשלאָגען דער געדאַנק, אַז ער איז אַ ייִר א בּן־שבעים, און ער האָט דעם מוטה פערלוירען. די פיס און די הענד זענען אויף דעם געדאַנק ווי מיעד און פויל געוואָרען, דאָס קול נידריגער, און ער האָט שוואַך אָבגעזיפצט.

ווען און וואו האָט ער דאָס אָבגעלעבּט 70 יאָהר? — האָט איהם נישט אויפגעהערט צו נאָגען א געדאַנק אין קאָפּ. — האַ, לאָמיך זיך נאָר דערמאָנען.

נאָר דערמאָנען זיך האָט שמואל נישט געהאַט וואָס, חוץ נויט, קעלט, געשרייען פון קלייַנע קינדער, צרות פון די דער־וואַקסענע, קללות פון זייַנע צוויי ווייַבּער, וואָס זענען שוין בּיידע געשטאָרבּען, שטענדיגע געשרייען און לויפען און אייַלען צו זוכען א נידרען, און אַפילו אויף עולם הבּא, דעם אמת זאָגענדיג, וועניג געזאָרגט.

אין די לאַנגע ווינטער־נעכט האָט ער געפּרובּט צו עפענען א גמרא, און איז געוואָהר געוואָרען א שרעקליכען סוד: ער האָט פערגעסען אָדער גאָר קיינמאָל נישט געקענט לערנען.

און דער ווינטער איז געלעגען אויפ׳ן שטעדטעל ווי א שווערע מסא. קיינער האָט זיך מיט שמואל׳ן נישט אינטע־רעסירט, קיינער האָט נישט בּעמערקט, אַז זייַן פּנים ווערט פון טאָג צו טאָג געלער, און דער גוף — געבּויגענער. ער האָט שוין אָנגעהויבּען צו בּעטען א צעהנער אויף א וועטשערע שטיל, געלאַסען, און שטיל געלאַסען האָט מען איהם א סך מאָל אָבּ־געזאָגט. ער האָט זיך נאָך געפּרובּט צו בּייזערן אויפ׳ן אַלטען

שטײנער, נאָר די װערטער האָבען זיך נישט געקלעבט, און מען האָט אויף איהם מאָדנע געקוקט. פיעל נעכט איז ער אַהײם געקומען הונגעריג, און שטוב איז געװען קאַלט מוראָ׳דיג, און די שװערד פון מַלְאַךְ־הַמָּוֶת האָט געפּאָכעט אין דער לופט.

און אײן פריהמאָרגען איז שְׁמוּאֵל נֶעְלָם געװאָרען פון שטאָדט. נעגאַנגען אויף דער עלטער אָבריכטען גָלוּת.

# רְכִילוּת.

בײַ בערנשטײנ'ען אין עס-צימער זענען געזעסען געסט: עטליכע פֿרויען, עלטערע און יינגערע, אײן פֿרײַלין פֿון אַ יאָהר 15–16, צװײַ מאַנסלײַט, אויסער דעם בעל-הבית, הער בערנשטײן. די פֿרויען האָבען גערעדט רכילות, די מאַנסלײַט האָבען געשפּיעלט אין קאָרטען. בײַדע קאָמפּאַניעס האָבען זיך שלעכט געװײַלט. די פֿרויען צו'ם רכילות האָט געשטערט דאָס פֿרײַלין, אַ ברונעטקע מיט ברענענדיגע אויגען, מיט אַ װײַך געזיכט און מיט גיכע, ראַשע בעװעגונגען. איבער איהר דאָס האָבען די פֿרויען געמוזט רעדען שטיל, מיט אָנצוּגעהערענישען, און טײלמאָל אין גאַנצען איבער-הײפּערן, די סאַמע אינטערעסאַנטסטע, פּיקאַנטסטע ערטער. די מאַנס-לײַט װידער, װאָס זענען אפשר געװען בעלנים אויף אַ רעכטע „אָקע" אין פֿינף הענד, האָבען זיך מיט דעם „קלאַבעריאַש" גע-לאַנגװײַלינט. אם ענדע האָבען זיך אַלע בליקען געװענדט צו גראָסמאַנ'ען, אַ מענש פֿון אַ יאָהר דרײַסיג, מיט אַ שװאַרץ ציגענ-בערדעל און שעלמישע, שטעכיגע אויגען, — אײנער פֿון די דרײַ, װאָס האָבען געשפּיעלט „קלאַבעריאַש". ער איז נישט געװען רײַך, נאָר איהם האָט מען זעהר גערן געזעהען אין די רײַכע הײַזער פֿון דעם קרײַז. ער איז געװען בערימט פֿאַר אַ קלוגען, געבילדעטען מענש, אַ גוטער אַנעקדאָטען-ערצעהלער און אַ שטאַרקער בקי אין אַלערלײ ליטעראַרישע און קינסטלערישע סקאַנדאַלען.

— פּאַן גראָסמאַן װעט עפּעס דערצעהלען — האָט זיך די װירטהין פֿון הויז, פֿרוי בערנשטײן, צו איהם געװענדט אויף פּויליש,

דעם זעלבען פאָרשלאַג האָט דער ווירט, הער בערנשטיין איבערגע׳חזר׳ט אויף רוסיש; דער דריטער פון די מאַנסלייט, אַ ייד אַ פּראָצענטניק, אַ גרויסער מאַכער ביי פּריצים און גענעראַלען און אַ גביר דערצו, — האָט די פראַזע געזאָגט אויף פּראָסט מאַמע־לשון אזוי.

— דרעהט אָן די קאַטערינקע, גראָסמאַן, אַרויס מיט די כּלים! אַ סוף אַנ׳עק!

גראָסמאַן האָט זיך געוועהנליך נישט געלאָזט לאַנג בעטען, דאָס יעצטיגע מאָל אָבער האָט ער געשוויגען. ער האָט אויסגעדרעהט זיין קאָפּ מיט די געקרייזעלטע האָר צו דער זייט צו, וואו דאָס פרייליין איז געשטאַנען, אָנגעלעהנט זיין געמבע אויף דער האַנד און אויסגעגלאָצט זיינע קאַלטע, חיטרע אויגען אויף דעם פרייליין אזוי לאַנג, ביז דאָס אָרימע בעשעפעניש האָט נעבעך דערפיהלט, אַז דאָס פּנים פלאַמט איהר ווי אַ פייער, און האָט שיער נישט איינגעבראָכען אין אַ געוויין פאַר גרויס אַנגסט. אַלע האָבען פערשטאַנען די דאָזיגע שטומע סצענע און האָבען געשמייכעלט. גראָסמאַן האָט געוואָלט דערצעהלען עפּעס פּיקאַנטעס און האָט שטום געוואונקען דעם פרייליין, זי זאָל אַרויסגעהן. דאָס פרייליין אָבער האָט גאָר נישט פערשטאַנען וואָס ער מיינט. פון דעם אָנגעשטרענגטען בליק אויף איהר האָט זיך איהר אַזש אָנגעהויבען צו מישען אין קאָפּ, די געדאַנקען האָבען זיך אָנגעהויבען צו דרעהען און קאָזשעליקעס צו מאַכען, ווי משוגענע טייוואָלאָנים. פאַר די אויגען האָט איהר געשווינדעלט, און דער קאָרסעט האָט זי געדריקט, אַז דער אָטהעם האָט פערחאַפּט. אַם ענדע האָט אויף איהר מיטלייד בעקומען דער מעפיסטאָפעל פון דער געזעלשאַפט, גראָסמאַן אַליין, און האָט זיך צו איהר אָנגערופען:

— פרייליין רוזשאַ וועט אזוי גוט זיין אַריינגעהן און זאָל אַ ביסל שפּיעלען אויף דעם פאָרטעפּיאַן.

דאָס פֿרײַלין האָט שטילערהייד געפֿאָלגט און איז אַרײַן אין זאַל, בעגלייט פֿון אַ שטיל געלעכטער. וואָס זי האָט דאָרט געטהון, צי זי האָט אויפֿגעלאָזט דעם קאָרסעט, אָדער זיך צו ווײַנט — דאָס האָבען אונזערע געסט נישט געוואוסט. געשפּיעלט אויף דעם פֿאָרטעפּיאַן האָט זי געוויס נישט; יעדען פֿאַלס, האָט קיין איינציגער טאָן נישט דערגרייכט ביז צו דער עס־שטוב. און דאָך האָבען אַלע געסט, און צווישען זיי אויך די מוהמע פֿון דעם פֿרײַלין, פֿרוי קנעפּפּענמאַכער, זיך גאָר נישט געקימערט וועגען דער סצענע, וואָס האָט זיי אויסגעזעהען גאַנץ נאַטירליך און זעהר פּאַסענד פֿאַר אַזאַ וויצלינג ווי גראָסמאַן.

— איך וועל אייך דערצעהלען — האָט ער אָנגעהויבען — וועגען אַלגעמיינע בעקאַנטע. אייגענטליך, האָבען זיי דאָ הײַנט געזאָלט זײַן, נאָר אַזוי ווי זיי זענען נישט געקומען, קאָן מען זיך ערלויבען אַ ביסל רכילות צו רעדען וועגען זיי. נישט וואָהר?

אַלע האָבען באַלד געטראָפֿען וועגען וועמען ער רעדט: פֿערשטעהט זיך, וועגען די פֿײַערמאַן׳ס. די פֿײַערמאַן׳ס זענען געוועזען די רײַכסטע פֿאַמיליע פֿון דעם קרײַז. ער האָט געהאַט אַ פֿאַבריק, אַן אייגענע הויז, און האָט געשׂם׳ט פֿאַר אַ קלוגען, געריבענעם יונג, וואָס האָט זיך שטענדיג געמישפּט אין די סודעס און שטענדיג געוואונען און אויסגעפֿיהרט דאָס זײַניגע. זי ווידער האָט געפֿיהרט אַן אינטעליגענטישען שטאַט, האָט זיך שטענדיג געהאַלטען אין לערנען עטליכע שפּראַכען; בײַ איהר אין הויז זענען געוועזען באָנעס, לעהרער׳ס און לעהרערינס, אַליין האָט זי געפֿיהרט בעקאַנטשאַפֿטען מיט פֿיעל פּערזאָנען פֿון דעם ליטעראַריש־קינסטלערישען מאַרק אין פֿערשיעדענע קאָנדיטאָרײַען. איהם האָט מען מקנא געוועזען; זי, דער מאַדאַם בערטהא פֿײַערמאַן, האָט מען פֿײַנד געהאַט פֿאַר איהר שטאָלץ. אַלע זענען דעריבער זעהר צופֿריעדען געוועזען מיט דעם אָנהייב.

— קאַטאַי! — האָט דער פּראַצענטניק געזאָגט. ג ר אָ ס ס מ אַ ן האָט ווייטער דערצעהלט:

— צווישען זיי, פערשטעהט איהר מיך, איז געוואָרען אַ שלעכט לעבען — דער ערצעהלער האָט אָנגעהויבען רעדען יידיש — עס האָט שיער נישט געהאַלטען ביי אַ גט. ווי איהר זעהט מיך אַ לעבעדיגער — ביי אַ גט. איהר וואונדערט אייך? עס איז ווירקליך אַ ביסעל אַ וואונדער. זיי וואוינען שוין 15 יאָהר צוזאַמען, בערטהאַ האָט שוין געהאַט אפשר אַ סוך געליבטע, איך אַליין קאָן אָנצייהלען אויף די פינגער 5. איהר מיינט, אַז פ ײַ ע ר מ אַ ן האָט דערפון נישט געוואוסט? דער ממזר־קאָפּ, זעהסטו, וועט פון עפּעס נישט וויסען! ער האָט זיך געטראַכט: „מהו דו דיר וואָס דו ווילסט, און איך וועל מיר טהון וואָס איך וויל; פאָהר דו דיר אונטער דער שטאָדט מיט דיינע שנעקעס און שטער מיך אויך נישט". ער לאָזט זיך אויך נישט בלאָזען אין דער קאַשע אַריין. און זיי האָבען זיך געלעבט, אויף מיין ערהליך וואָרט, גוט געלעבט. מען זאָגט גאָר, אַז זיי האָבען זיך אַמאָל צופעליג געטראָפען עפּעס אויף אַנ׳אָרט, זי איז געזעסען אין איין קאַבינעט מיט אַ „שנעק" (אַזוי רופט זיי פ ײַ ע ר מ אַ ן), און ער איז געזעסען מיט עפּעס אַ שלאַק אין צווייטען קאַבינעט, און זיי האָבען זיך געטראָפען אין קאָרידאָר — און גאָר נישט. אָבגעווישט זיך דאָס מויל און געפּידערט אַ גוט לעבען. און פּלוצלונג: נאַ דיר אַ שלעכט לעבען און סצענעס און שיער נישט אַ גט! געוויס אַ ביסעל אַ וואונדער. פערשטעהט איהר מיך אָבער, מען מוז קענען פ ײַ ע ר מ אַ נ׳ ע ן. אַזוי איז ער אַ רוהיגער, געלאַסענער; צו ב ע ר ט ה אַ ׳ ן — ווי אַ פּוטער ווייך, קושט זי אין שטערן. נאָר מען זאָל איהם דערקוטשען האָט ער נישט ליעב אויב איהר שטעלט אייך איהם אין וועג, דעמאָלט איז ער אויף אַלעם גרייט, אויף אַלעם. אַ סקאַנדאַל — אַ סקאַנדאַל, אַ גט — אַ גט — און בערטהאַ האָט איהם אין דער לעצטער צייט אָנגעהויבען צו דערקוטשען.

די געזעלשאַפֿט האָט זיך צוגעהערט מיט אָנגעשטרענגטער אויפֿמערקזאַמקייט. גראָסמאַן איז אויסגעוואַקסען אין זייער פֿאַנטאַזיע צו דער הויך פֿון אַ נָבִֿיא, וואָס זיינע ווערטער טרעפֿען שטענדיג אין די לעבענדיגסטע סטרונעס פֿון דער נְשָמָה, וואָס רערט שטענדיג דאָס סאַמע אינטערעסאַנטסטע וויכטיגסטע. די פֿרויען האָבען זיך מורא געהאַט צו ריהרען פֿון אָרט, זיי זאָלען איהם נישט שטערען. די צוויי מאַנסלייט האָבען אויסגעגלאָצט די אויגען און געהאָרכט מיט אַנ׳ערנסטקייט, ווי עס וואָלט זיך געהאַנדעלט אין אַ פֿערדיענסט פֿון עטליכע טויזענד קערבליך.

– אין די לעצטע צייט, פֿערשטעהסט איהר מיך – האָט ער ווייטער דערצעהלט – איז בערטהאַ׳ן נישט געגאַנגען. שעמענסקי האָט זי אַוועקגעוואָרפֿען. טרעפֿט – פֿאַר וואָס? זי האָט איהם אַלץ געפֿיינינט, ער זאָל זיך לאָזען וואַקסען וואָנסעס, און ער האָט דַוְקא געוואָלט ווערען אַנ׳אַקטער. און דאָ זענען געקומען די אונרוהען, דער קריעגס־צושטאַנד. זי איז שוין, ווייסט איהר דאָך, געווען אין אויסלאַנד און צוריקגעקומען. און -- גראָסמאַן האָט געענדערט דעם טאָן – בערטהאַ איז שוין נישט דאָס, וואָס פֿאַר עטליכע יאָהר...

– זי פּודערט זיך דאָך! – האָט איינע פֿון די פֿרויען כִּמְעַט אויסגעשריען, נישט קאָנענדיג מעהר געוועלטיגען איבער זיך.

– איך בעט נישט איבערצוהאַקען – האָט גראָסמאַן געזאָגט רוהיג, פֿיהלענדיג זיין צויבער־קראַפֿט אויף דער געזעלשאַפֿט – זי פּודערט זיך שוין צוויי יאָהר. איך געדענק דאָס גענוי. דאָס האָט איהר פֿערשאַפֿט פֿיעל קרענקונג. אויף מיין עהרליך וואָרט: ווען זי רעדט וועגען „די טיעפֿע טראַנעדיען פֿון איהר זעעלע״, ווייס איך, אַז די טראַגעדיעס זענען נישט מעהר און נישט וועניגער, ווי דאָס קרענקונג, אַז זי ברויך זיך צו פּודערען. איך האָב עס געזאָגט שעמענסקי׳ן״...

אַ שטיל ציטעריג געלעכטער האָט דעם ערצעהלער אָב־

געשטעלט אויף עטליכע סעקונדען. ער האט ווייטער דער=
צעהלט:

בערטהא האט זיך געפיהלט זעהר שלעכט. געזעסען איז
דער היים און געגעסען זיך דאס הארץ. דאס מוז שוין נישט זיין
קיין גרויס פערגעניגען, אז א פרוי האט גאר נישט וואס צו טהון,
און זיצט א גאנצען טאג אין דער היים און טראכט אלץ נאך אנאנ=
דער נאר וועגען דעם, אז זי איז אלט געווארען און מוז זיך פו=
דערן. פאר איין זאך אכט איך זעהר מיין געשלעכט, דאס מענ=
ליכע: דערפאר וואס מיר, מיינסלייט, שרעקען זיך נישט אזוי פאר
אלט=ווערען, ווי די פרויען; פאר דאס האבען זיי, די פרויען,
ווייניגער מורא פאר'ן טויט, ווי מיר, און שטארבען פיעל רוהיגער
און אנשטענדיגער ווי מאנסלייט...

— נו, קאטאי, ווייטער! — האט דער פראצענטניק צוגע=
יאגט — וואס טויגען דארט די פילאזאפיעס? איך דיעלו!

גראסמאן האט זיך, קענטיג, געפיהלט אביסל בעליי=
דיגט, ער האט געמאכט א זויערע מינע און האט שוין געוואלט
גיכער אנ'ענדע מאכען.

— פערשטעהט איהר מיך, בערטהא האט אנגעהויבען צו
דערקוטשען דעם מאן מיט פראגען, וואו ער געהט און וואו ער
איז געוועזען און וואס ער האט געטהון. און ער — האט איהר אנ'
עצה געגעבען, זי זאל זיך אבגעבען מיט די קינדער... זי האט
איהם געענטפערט, אז ער האט א קאמערצישען, גראבען גייסט און
פערשטעהט נישט איהרע שטימונגען, און עס איז געווארען אויס
שלום=בית... עס איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז ער האט זי אויס=
געזידעלט אין די אויגען פון מענשען אזוי גראב — נו עס איז א
חרפה צו דערצעהלען...

גראסמאנ'ען האט מען אנגעהויבען צו בעטען פון אלע
זייטען, ער זאל ווייטער דערצעהלען, די פרויען האבען אנגעשטעלט
אונבעראלפענע מינעס און האבען געבעטען מיט אזא ווייכער,

צאַרטער שטימע, ווי זיי וואָלטען אַלע פערליעבט געוועזען אין גראָסמאַנ׳ען. ביי די יונגערע איז עס אויסגעקומען נאָך צו דערליידען, ביי די עלטערע אָבער האָט דאָס געמאַכט אַנ׳אָבשוי-ליכען איינדרוק.

– דערצעהלט, נו, דערצעהלט... דערצעהלט שוין... זאָל דער פאַן זיין גינסטיג, (אויף פויליש) טהוט אַ טובה, זייט אַזוי ליעבליך (אויף רוסיש)... האָט מען איהם געבעטען פון אַלע זייטען.

דער ווירט פון דער קוואַטיר, הער בערענשטיין האָט זיך אָנגערופען פראָסט, רוסיש רעדענדיג:

– איהר מוזט דערצעהלען, וואָס איז דאָס אַזעלכעס? איהר לאָזט אונז אין דער מיטען?

– נו, איך וועל דערצעהלען – האָט זיך גראָסמאַן געלאָזט איבערבעטען.

עס איז געזעסען אַ קאָמפּאַניע און געשפּיעלט אין קאָרטען ביי פיערמאַנ׳ען אין שטוב, און בערטהא האָט געוואָרפען אויגען אויף פעלדמאַנ׳ען. איהר קענט איהם נישט. ער וואוינט אין איין הויף מיט די פיערמאַנ׳ס. אַ גאַנצער סאָצי-יאַליסט, אויף מיין עהרליך וואָרט אַ סאָציאַליסט. איהר זאָלט איהם הערען רעדען! בערטהא, מוזט איהר ווידער וויסען, האָט די לעצטע צייט שטאַרק ליעב בעקומען דעם סאָציאַליזם. פון קונסט רעדט זי מעהר קיין וואָרט נישט, זייט שעמעני-סקי האָט זי אַוועקגעוואָרפען. וואָס מיר קונסט, וועך מיר קונסט, אַז דער עיקר איז דער קלאַסען-קאַמפּף א. ז. וו... און אַ נאַכט איז דעמאָלט געווען אַ שרעקליכע. די „סאַמאָ-אָבאָראָנאַ״ איז געשטאַנען אין טויער. אַלע האָבען געוואַכט און זיך צוזאַמענגעקליבען גרו-פּענווייז אין די הייזער. ביי די פיערמאַנ׳ס איז געווען דער מיטעל-פונקט, דאָרט איז פערהאַן אַ טעלעפאָן... מען האָט זיך צוגעהאָרכט צו יעדען גערויש אויף דער גאַס. טראַך-טראַך... – פון דערווייטען שיסט מען... בערטהא דרעהט זיך אַהין און אַהער, קאָן זיך

קיין ארט נישט געפינען און טוטשעט דעם מאן, ער זאל אויפ=
הערען צו שפיעלען. ער, ווייסט איהר דאך, ענטפערט ווייך:

— דו ביסט מיעד, בערטהא. געה שלאפען... און האט
איהר אפילו א קוש געגעבען אין שטערן.

„האט בערטהא געקאנט גערן שלאפען? אז א גאנצען
טאג געהט זי אוים פאר לעדיג=געהן, און דא זיצט אסאציאליסט,
און דערצו א שענער יונג, א ברונעט, מיט שווארצע ברענענדיגע
אויגען — איהר זאלט איהם זעהן! און אין דרויסען איז א שרעקליכע
נאכט, א שטימונג... מיט איין ווארט: בערטהא האט געחאפט
די קארטען און צעריסען און נאך אנגעפאלען אויפ'ן מאן מיט זיד=
לערייען, אז ער איז א בורזשוא, ערלויבט זיך צו שפיעלען אין
קארטען, ווען אויף די גאסען „קאכט די מלחמה". — א גאנצען
דיאלאג האט זי איהם פארגעלעזען. נו, נו, איז געווען א סקאנ=
דאל, א סקאנדאל! פייערמאן איז געווארען רויט ווי א פייער, ער
האט זיך אויפגעשטעלט פון ארט און האט איהר פארגעלעזען א
צעטעל עברות פון די גאנצע 15 יאהר:

— איך ווייס, וואס דיר פעהלט — האט ער געשריען, א געליעב=
טער פעהלט דיר! שעמענסקי האט דיך אוועקגעווארפען, קיי=
נער וויל אויף דיר נישט קוקען, נידערטרעכטיגע דו! טא זיץ דיר
רוהיג, בייס דיר די פינגער, אויב דו ווילסט, קריך אויף די
וואנד..."

„איז געווען א סצענע!

א מערכה, פערשטעהט איהר מיך, וואס פעלדמאן האט
זיך אריינגעמישט, ווען נישט, וואלט דאס זיכער געקומען צו א
גם. איך זאג אייך זיכער, מיין עהרען=ווארט גיעב איך אייך..."

די געזעלשאפט איז געווען אויסער זיך פאר ענטציקונג.
און גראסמאן האט שוין גענומען דערצעהלען עפעס זעהר
פיקאנטעס און צינישעס וועגען דער ליעבע צווישען מאדאם
פייערמאן און פעלדמאן, די ליעבע, וואס האט בערוהיגט

איהם און זי און האָט צוריקגעבראַכט שלום צווישען דעם צוקריגענעם פאָר־פאָלק, נאָר אַן׳אונגעריכטער צופאַל האָט געשטערט:

עס האָט געקלונגען אין פאָר־הויז, און אין אַ קורצער ווײַלע אַרום זענען אַרײַנגעקומען אין שטוב — די פֿײַערמאַן׳ס, ער אַ הויך־געוואַקסענער, געזונדטער מאַן פון אַ יאָהר 40, מיט קלײנע, חזירע אויגען, שווערע געזונדטע טריט און אַ פּנים, וואָס האָט זיך געדאַכט צו זאָגען: „איך קאָן אַלע אויסנאַרען, און מיך — קײנער נישט” זי — אַ שאַטינקע פון אַ יאָהר 35, מיט שען־געשניצטע ברעהמען און מיט צײכען פין אַמאָליגער שענהײט; דאָס פּנים האָט אויסגעדריקט פוילקײט, גיעריגקײט. געפודערט איז זי דאָס מאָל געווען שוואַך, קוים צו דערקענען, און אַ מאַטע, אָבגעוועלקטע בלײכקײט האָט מאַקי געשפּילט אויף איהרע באַקען. אין איהרע אויגען האָט געבלישטשעט אַ בעז פײַערעל, און איהר גאַנץ בענעהמען האָט זיך געדאַכט צוזאָגען, פֿערקעהרט ווי איהר מאַנ׳ס: „מיך האָט מען שטענדיג אויסגענאַרט און מיך וועט מען ווײַטער אויסנאַרען און איך וועל מיך לאָזען אויסנאַרען, ווײַל די זינד איז זיס...”

בײַ זײער אַרײַנקומען האָט זיך די גאַנצע געזעלשאַפט געפונען צורודערט. טײל האָבען זיך אויפגעשטעלט פון די ערטער, טײל זענען בלײַך. אַנדערע — רויט געוואָרען. נאָר נאָכדעם, ווי בערטהאַ האָט זיך מיט אַלע געקושט, און איהר מאַן האָט זיך מיט אַלע בעגריסט — האָבען זיך אַלע באַלד געפיהלט גוט און מען האָט אָנגעהויבען צו פּלוידערען און הבלות צו רעדען אויף וואָס די וועלט שטעהט.

דעם אָבענד איז אָבער נישט בעשערט געווען אָבצוגעהן גלאַטיג, און אַ קלײנעם סקאַנדאַל האָט אָנגעמאַכט דאָס פרײלין רוזשאַ, וואָס איז פעריאָגט געוואָרען אין זאַל אַרײַן, ווען וועלכער די געזעלשאַפט האָט ווי פערגעסען.

דאָס בעלערינטע פרײלין איז די גאַנצע צײַט געזעסען אין

דער צווייטער ישטוב. אין אנהויב, אינגאנצען צומישט און נישט־וויסענדיג, וואס דא איז פארגעקומען, האט זי אנגעצונדען א ליכט פאר דעם פארטעפיאן און איז מיעד אנידערגעפאלען אויף דעם בענקעל. דערנאך האט זי זיך אויפגעהויבען און ווידער זיך אני־דער געזעצט און אלץ נישט געקאנט קומען צו זיך. אם ענדע האט זי זיך פערחליפעט אין א געוויין, און אלץ מעהר און מעהר ערקענענדיג זיך פאר בעלעדיגט, האט זי פאר כעס אויסגעלאשען דאס ליכט און ערשט אויף רעכט נאך אמאל זיך צעוויינט, דער־נאך ווידער אנגעצונדען דאס ליכט און נאך אמאל געוויינט שטיל, געלאסען, אבהעשענדיג. צו'ם סוף איז דאס אלץ איהר מאוס גע־ווארען און זי האט זיך געשטעלט הינטער דער פערמאכטער טהיר און געהארכט, דאס, וואס גראסמאן האט דערצעהלט, האט זי אזוי אינטריגיערט, אז זי האט פערגעסען איהר בעלעדיגונג און איהרע טרעהרען, און צודריקענדיג איהר אויער צו דער טהיר, האט זי געהארכט מיט א פערחאפטען אטהעם און נאר זיך געשרא־קען, טאמער וועט זי פערהערען איין איינציגווארט.

נאר אט האט גראסמאן געענדיגט. עס געהט דורך 10 מינוט, נאך 10 מינוט – קיינער רופט זי נישט. דער גאנצער פריהע־ריגער האס צו גראסמאנ'ען רופט זיך ווידער אן אין איהר יונג הארץ, זי וויינט...

אם ענדע האט זי זיך מעהר נישט געקאנט איינהאלטען, גע־עפענט די טהיר און איז אריין אין צימער. אלערערשטענס האבען זי בעגעגענט גראסמאנ'ס אויגען. די גאנצע בעלעדיגונג, דער גאנצער האס און די נאך־אלץ־איינגעהאלטענע טרעהרען האבען זיך ווי צוגאסען אין איהר גאנצען קערפער, און פיהלענדיג, אז אט־אט וועט זי זיך פערחליפען אין א געוויין, האט זי געאיילט אויס־צוגיעסען איהר כעס אויף גראסמאנ'ען:

– איהר זייט א פאלשער – האט זי געזאגט – ערשט האט ער דערצעהלט אזעלכע מאוס'ע זאכען וועגען כאראם בערטהא, און

יעצט רעדט ער גוט. אַ פֿאַלשער, אַ מֵאוּס'ער... מאַדאַם בערטהאַ!
שפּײַט איהם אין פּנים אַרײַן! ער איז אַ שלעכטער, בּעזער...

מעהר האָט זי נישט געקאָנט רעדען, פֿערחליפּענדיג זיך אין אַ געוויין.

די געסט האָבען זיך אָנגעקוקט אײנער דעם אַנדערן. די פֿרויען האָבען אַראָבגעלאָזט די קעפּ און געמאַכט זויערע מינעס; די מאַנסלײַט האָבען אױסגעגלאָצט די אױגען און געקנײטשט די שטערנס, מאַדאַם בערטהאַ און איהר מאַן האָבען זיך בײַדע אױפגעשטעלט און זיך צוריק אַנידערגעזעצט. ס'איז געוואָרען שטיל, אונערטרעגליך שווער. און רוזשאַ איז שוין געווען אין קיך און דאָרט זיך אַנידערגעוואָרפען איפ'ן בעט און ערשט אויף רעכט זיך צעוויינט.

עס איז אַרויס אַ סקאַנדאַל, וועגען וועלכען גראָסמאַן האָט געהאַט צו דערצעהלען און צו דערצעהלען אין פֿערשידענע הײַזער.

# דִי גָאלְדֶענֶע פַאנְטַאזִיֶע.

– איהר זאָגט, אַז עס זענען פֿאַרהאַן מענשען אָהן פֿאַנטאַזיע, װאָס לעבען אָהן האָפֿנונגען, אָהן אילוזיעס? לויט מיין מיינונג, איז דאָס אַ טעות. איך קאָן מיר נישט פֿאָרשטעלען אַ מענשליך לעבען אָהן האָפֿנונג, װי למשל, אָהן לופֿט.

דער יונגער, ערשט־געענדיגטער דאָקטאָר, האָט געגלעט זיין שװאַרץ בערדיל, און האָט װייטער געזאָגט:

– אויב איהר װילט, װעל איך אייך דערצעהלען אַ געשיכטע פֿון אַ מענשען, װאָס געפֿינט זיך איצט ביי אונז אין שפּיטאָל פֿאַר משוגעים. דאָס איז געװעזען אַמאָל, פֿאַר 5 יאָהר צוריק, מיינ׳ס אַ בעקאַנטער. איך בין דעמאָלט אַרויסגעיאָגט געװאָרען פֿון אוני־װערזיטעט, און האָב געלעבט צװישען זעהר אַנ׳אינטערעסאַנטע קרייז יונגע לייט: פֿערװאָגעלטע, פֿערשטויסענע, פֿערבלאָנדזשעטע אויף דער װעלט. מיר האָבען זיך געהאַלטען צוזאַמען, געלעבט װי חברים. אונז האָט צוגעבונדען איינעם צו׳ם אַנדערן די אָבגעריסענקייט פֿון לעבען, חאָטש לויט די חאַראַקטערען און איבערצייגונגען זענען מיר נישט געװען גלייך.

נישט פֿיעל זענען געבליבען פֿון אונז, עטליכע האָבען זיך דאָס לעבען גענומען, איינער געפֿינט זיך אין סיביר, איינער איז געשטאָרבען אין טורמע, טייל האָבען זיך גענומען צו אַ קאַריערע, א. ז. װ.... נאָר ענטשולדיגט: איך האָב אייך געװאָלט דערצעהלען װעגען אַ מענשען אָהן אילוזיעס, װאָס געפֿינט זיך איצט אין שפּי־טאָל פֿאַר משוגעים. איהם האָב איך גוט געקענט, און דאַכט זיך,

איך האָב איהם נוט פערשטאַנען, האָטש אַ לאַנגע צייט איז ער פאַר מיר געווען אַ לעבעדיג רעטעניש. און נישט נאָר פאַר מיר אַליין. ווער עס האָט איהם געקענט — גורשטיין האָט ער געהייסען — האָט זיך נישט געקאָנט גענוג וואונדערן אויף זיין רוהיגקייט און גלייכגילטיגקייט. קיין זאַך, דוכט זיך, האָט נישט געקאָנט ריהרען דאָס האַרץ פון דעם דאָזיגען מענש, נישט ענדערן אויף אַ האָהר דעם אויסדרוק פון זיין גלייכגילטיג־צופריעדען פנים, נישט אויסלעשען דעם שמייכעל אין זיינע פערלאָשענע אויגען. וואָס עס האָט נישט געזאָלט פאַסירען, צי אויף דער ברייטער וועלט, צי אין דעם ענגען קרייז פון זיינע בעקאַנטע, האָט איהם נישט גע'חדושט. אַלץ אויף דער וועלט האָט זיין בעשייד, נישטאָ קיין זאַך אָהן אורזאַך, אַלץ איינס, צי מיר ווייסען די אורזאַך, צי מיר ווייסען זי נישט: וואָס־זשע איז דאָ זיך צו וואונדערן? — אַזאַ מין פילאָזאָפיע האָט צוגעפאַסט צו זיין נאַכלעסיגקייט און פוילקייט זי איז געלעגען איינגעבאַקען אין זיין קאָפּ און ער האָט זי אויך הויך געפרעדיגט פאַר אַנדערע.

פויל איז ער געווען ביז גאָר, נישט נאָר צו אַרבייטען, עפּיס צו טהון, אַפילו צו טראַכטען און קאָמבאַנירען מיט זיין איי־גענעם מח האָט ער פיינט געהאַט. סיי־ווי־סיי וועסטו דערגעהן נישט מעהר, אַז יעדע זאַך האָט זיין בעשייד, און דאָס ווייס איך שוין לאַנג — אַזוי פלעגט ער רעדען מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען און האָט זיך געפיהלט דערביי זעהר צופריעדען און זעהר קלוג, קליגער פאַר אונז אַלע, יונגע, היציגע קעפּ מיט אונזער שטענדי־גער אונצופריעדענקייט. עס פערשטעהט זיך, אַז אַליין פערדיענט אויף חיונה האָט ער נישט. מיר אַלע האָבען זיך פערנומען ווער מיט וואָס ער האָט געקאָנט, איינער האָט געגעבען לעקציעס, דער צווייטער איז געווען אַנ'איבערשרייבער ביי אַנ'אַדוואָקאַט, אַ דריטער איז געווען אַ שטיקעל בוכהאַלטער אין אַ געשעפט, אַ פיערטער האָט געלערנט אין אַ קונסט־שול און האָט בעקומען שטיצע, א. ז. וו.

אלע האבען זיך דערביי געקאכט, געשפארט, געליטען פון איניערליכער אונצופריעדענקייט, געליבט און געהאסט, דא אומעטיג, דא לוסטיג געווען, און ער איינער האט גארנישט געטהון, כלומר'שט געזוכט עפיס אבעשעפטיגונג און געלעבט פון קליינע הלוואות ביי זיינע בעקאנטע. דערביי אבער איז ער געווען רוהיג און צופריעדען, אהן ספקות, אהן טענות און אהן זארג, ווי זעלטען א גליקליכער אויף דער וועלט.

מען קאן נישט זאגען, אז מיר האבען איהם ליעב געהאט. ער איז געווען איינער פון אונז, פערוואגעלט און אבגעשטויסען פון דער ארומיגער וועלט, און ארים דערצו, און האט זעהר אפט געהונגערט, ווי-זשע זאל מען זיך נישט אינטערעסירען מיט איהם, נישט לייהען קיין געלד, נישט פערהאלטען זיך צו איהם ווי צו א חבר? און דאך איז ער אונז געבליבען פרעמד. איהם, דוכט זיך, האט נאך קיין מענש נישט פעסט געדריקט די האנד, נישט ארויפגעלעגט קיין האנד אויף זיינע אקסלען. עפיס עהנליכעס האט זיך אויך קיינער נישט געקאנט פארשטעלען. עס האט איהם, מיין איך, אויך וועניג געארט. ער האט דאס נישט בעמערקט, און אויב יא — וואלט ער גלאט פויל געווען דערפון צו טראכטען, און ער וואלט אויסגעקומען מיט זיין פילאזאפיע, טראכטענדיג: „געוויס זענען פאראן אורזאכען, וואס מאכען מיך פרעמד. צי ליעגען זיי אין מיין געבורט, צי אין מיין ערציהונג, צי אין מיין בעזונדערער גייסטיגער ענטוויקלונג — דאס איז אלץ איינס...“ מיר האבען איהם אבער טיילמאל אויך פיינט געהאט. זיין גלייכגילטיגקייט, זיין מאניר אלץ גלייך צו פערשטעהן און אבצושאצען איז פיעל מאל דערגאנגען ביז ציניזם און גראבקייט. דעמאלט האט מען איהם אויך צוגעווארפען א שטעכענדיג ווארט. אט זענען אלע איבערראשט געווען מיט קאלטבערג'ס א טהאט. וואס פאר אן'אינטערעסאנטער מענש דאס איז געווען! איך ווייס נישט, אויב איך וועל טרעפען נאך אזא איינעם אין מיין לעבען. דאס איז געווען א מענש מיט אן'אונגע-

מעהנליך גוט האַרץ, וואָס האָט טיעף געליטען מיט יעדען ליידענ־
דען, צי אַ נאָהנטען, צי אַ ווייטען. דאָס מיטגעפיהל צו מענשען
האָט איהם געבראַכט דערצו, אַז ער האָט יעדערן פערשטאַנען ביז
צו די פערבאָרגענע ווינקעלעך פון זיין נשמה, און איז שטענדי
גרייט געווען צו העלפען מיט וואָס נאָר ער האָט געקאָנט. אַ
דער קאַלטבערג האָט זיך בעקענט מיט אַן׳אומגליקליך, פערשטענ־
דיג מעדעל: אַ הויקער. איהר אומגליק האָט איהם טיעף געריהרט,
ער האָט נישט אויפגעהערט צו פיהלען מיט דעם קלעמענדיגען
האַרץ פון דעם בעשעפעניש... און ער האָט ערקלערט, אַז ער איז
גרייט מיט איהר חתונה צו האָבען. דער פאַקט האָט געמאַכט אַנ׳
אונגעהויערען איינדרוק אויף אַלע, וואָס האָבען איהם געקענט: מען
האָט נישט אויפגעהערט צו רעדען וועגען דעם מיט בעוואונדערונג,
מיט בעגייסטערונג פאַר אַזאַ העלדישער טהאַט... אין שטעלט אייך
פאָר, אַז אונזער גורשטיין האָט די מעשה אויסגעהערט גלייכגילי־
טיג, און מיט זיין געוועהנליכער בעוועגונג מיט דער האַנד האָט
ער אונז אויפגעקלערט: וואָס איז דאָ דער חידוש? האָט ער גע־
זאָגט: ער איז אַזאַ מענש. פאַר איהם עקזיסטירען אויף דער וועלט
נישט מעהר ווי ליידען. דאָס איז די מאָס, מיט וועלכער ער מעסט
מענשען. אַ מענש וואָס ליידט מעהר פאַר אַנדערע, איז סימפּאַטי־
שער פאַר איהם ווי אַנדערע, פערקעהרט: ווער עס ליידט נישט,
עקזיסטירט נישט פאַר איהם, איז אַ פּראָסטע נול. איך פערשטעה
דאָס גאַנץ גענוי, איך קען איהם שוין לאַנג פאַר אַזאַ מענש...

דאָ האָט זיך איינער פון דער קאָמפּאַניע נישט מעהר איינ־
געהאַלטען און געזאָגט מיט כּעס: — איהר זאָגט אַ מענש אָהן אַ
האַרץ: אָט וואָס! אַלץ פערשטעהט ער!...

גורשטיין האָט זיך ניט געריכט אויף אַזאַ אָבשניט, און האָט
געצויגען די אַקסלען. נאָר די צופעליגע ווערטער האָבען געהאַט
אַ פּעולה. דער דאָזיגער אויפגערעגטער חבר האָט ארויסגעזאָגט,
וואָס מיר אַלע האָבען געוואָלט זאָגען, וואָס איז אונז געלעגען אויף

דער שפּיץ צונג. פֿון דעמאָלט אָן האָבען מיר איהם פֿאַר דער מינדסטער זאַך פֿאָרגעוואָרפֿען, אַז ער איז אַ מענש אָהן אַ האַרץ.

— וואָס איז דאָס אַ מענש אָהן אַ האַרץ? — האָט ער מיט מיר אַמאָל גערעדט גאַנץ פֿערטרויליך, ווען מיר זענען געווען אַליין, און מיט אַזאַ טאָן, גלייך ווי נישט וועגען איהם רעדט זיך דאָס, נאָר וועגען אַ פֿרעמדען אָהן אַ האַרץ — וואָס איז דאָס? אַ נאַרישער הוילער בעגריף אָהן אינהאַלט, לויט מיין מיינונג. צי דען קאָן איך נישט פֿיהלען וואָס אַנדערע? —

און אַז איך האָב געפּרובט איהם אָבצושפּאַרען, אַז אַ מענש אָהן אַ האַרץ איז אַ בעגריף, וואָס האָט יאָ אַן'אינהאַלט, איז ער גרייט געווען מודה צו זיין:

— איבעריגענס, האָט ער געזאָגט: — אפשר נישט? אפשר האָב איך אַזאַ גייסטיגע און קערפּערליכע קאָנסטרוקציע, אַז איך פֿיהל נישט אַזוי ווי אַנדערע, וואָס איז דער מער? איין מענש איז אַזוי בעשאַפֿען, דער צווייטער אַנדערש...

און אָט איז אַ צווייטער פֿאַקט, וואָס ווייזט, ווי ווייט דער מענש איז געווען אָהן פֿאַנטאַזיע, אָהן אילוזיעס, ווי איהר זאָגט; אַ פֿאַקט, וואָס האָט דעמאָלט געוואָרפֿען טויט-שרעק אויף אונז אַלעמען: איינער פֿון אונזערע בעקאַנטע, נאָך גאָר אַ יונגער בחור פֿון אַ יאָהר 19, דער איינענער, וואָס האָט געלערענט אין אַ קונסט-שול און בעקומען שטיצע — אַ סקולפּטאָר איז ער געווען — האָט זיך אויפֿגעהאַנגען ביי זיך אין צימער. איהם האָט מען געפֿונען ערשט אויפֿ'ן דריטען טאָג, ווען זיין פּנים איז געווען שוואַרץ און פֿער-דאָרבען, נישט מעהר צו דערקענען. אויפֿ'ן טיש האָט ער געלאָזט אַ קורצען צעטעל, אין וועלכען עס איז געשטאַנען: „איך האָב מיך איבערצייגט, אַז איך קאָן נישט שאַפֿען קיין האַרמאָנישע זאַך; אָהן האַרמאָניע איז קיין קונסט נישטאָ, און אָהן קונסט איז מיר גאָר-נישט געבליבען אין לעבען. איך האָב געלעבט נישט שען און שטאַרב נישט שען, וואָס קאָן איך טהון? איף קיין רעוואָלווער

האב איך נישט געהאט קיין געלד, און וואלט איך געוויס נישט געהאט, ווען איך וואלט לענגער לעבען. מיינע חברים, און בעזונדער קאלטענבערג׳ן זאג איך מיין לעצטען אדיע״. דער צופאל האט אויף אונז געמאכט א שרעקליכען איינדרוק. מיר האבען בעדויערט דעם יונגען בלאסען חבר, וואס איז אזוי שרעקליך געשטארבען; מיר האבען איהם דערמאהנט מיט טרעהרען אין די אויגען. נאר חוץ דעם איז אנגעפאלען א שרעק אויף אלע. מען האט זיך געפיהלט, ווי די קראנקע אין שפיטאל, ווען עס שטארבט פון זיי איינער. ציי וועלען איהם אנדערע נישט נאכטהון און געהן דעמזעלבען וועג? און ווער פון אונז? — דאס אונגליק האט יעדען געדריקט אויפ׳ן הארץ, ווי א שווערער שטיין. פון קיין אנדער זאך האט מען נישט געקאנט רעדען, און פון דעם איינציגען, וואס איז שטענדיג געלעגען אין קאפ, איז געווען א הארצרייסעניש און א מאטערניש צו רעדען. און אט האט זיך גורשטיין ארויסגעוויזען מיט זיין גאנצער קאלטבלוטיגקייט.

מיך וואונדערט דאס לגמרי גארנישט, אז א מענש קניפט אן זיין גאנץ לעבען צו איין־איינציגער זאך, אז אלע זיינע געדאנקען און געפיהלען דרעהען זיך ארום איין פונקט, און פלוצלינג פערשווינדט די איינציגע זאך, דער איינציגער פונקט, איז גאר קיין חידוש נישט, אז ער האט זיך דאס לעבען גענומען. עס קאן אבער זיין, ער וואלט נאך אפשר מיט דער צייט בעשאפען עפיס בעסערס ווי איצט. אט וואו דער טעות שטעקט...

מיר האבען איהם פיינט געקריגען פאר די רעד און מיר האבען אויסגעגאסען אונזער גאנץ ביטער הארץ אויף איהם: „א מענש אהן הארץ!‟ „אנ׳אכזר!‟ — האט זיך געשאטען אויף איהם פון אלע זייטען. און איינער פון אונז האט איהם גענומען פראסט זידלען:

— ווי איז אייך קיין חרפה נישט אזוי צו רעדען! דאס איז אונמענשליך! א נידערטרעכטיגקייט! אזעלכע מענשען ווי איהר דארפען

ניִשט לעבען. אַדרבה, זאָגט, זאָגט שוין: צו וואָס לעבט איהר? צו וואָס?

גורשטײן האָט נאַריש געשמײכעלט, איִן די אויגען זײַנע האָט אויפגעבליִשטשעט עפּיס אַ פּײַעריִל און ער האָט געענטפערט שטיִל, ציִהענדיג מיִט די אַקסלען:

— ניִשט מײַן זאָרג... איִך לעב.

אָט וואָס פאַר אַ מענש דאָס איִז געווען, קאָנט איהר אײַך פאָרשטעלען אַ קאַלטערן, ניִכטערן מענש פאַר איהם? ער איִז טײל־מאָל געווען שען איִן זײַן קאַלטבלוטיגקײט, איִנטערעסאַנט און טיִפּיש. יאָ, מיִר האָבען צײַטענווײַז געפיִהלט אַ מיִן רעספּעקט פאַר איהם, פאַר זײַן קלאָרען ניִכטערן פערשטאַנד, וואָס קײן זאַך קאָן איהם ניִשט פערבלענדען. אָט איִז אַ מענש, וואָס ווײסט קײנמאָל ניִשט דעם ביִטערן טעם פון יאוש, ווײַל ער נאַרט זיִך ניִשט, האָט קײן „איִלוזיעס" ניִשט! ניִשט וואָהר?

און דאָך, ציִ וועט איהר מיִר גלויבען? איִז דער מענש געווען אַ פאַנטאַזיאָר, וואָס האָט געלעבט איִן אַ וועלט פון שפּיִנוועבס, און וואָס זײַן פאַנטאַזיע האָט איהם אַראָבגעפיִהרט פון זין! אונגלויביג, וועט איהר זאָגען, נאָר איהר קאָנט איהם זעהן איִן משוגעים־הויז, און מײַן חבר, דער הויפּט־דאָקטאָר איִן אונזער אַבטײלונג, אַ געניִטער פּסיִכיאַטאָר, וועט אײַך בעשטעטיגען מײַנע ווערטער. דער מענש האָט גענעהרט זײַן גײַסט מיִט אַ פאַנטאַזיע, מיִט אַ גאָלדענע פאַנטאַזיע. אונטער דער אײסערליִכער רוהע און צופריִעדענקײט האָט זיִך בעהאַלטען אַ טיעף בעגעהרען נאָך גליִק, אַ פערלאַנג אַריסצוקריִכען פון דעם זומפּיגען, אָרימען, עקעלדיגען לעבען, צו געניִסען פון דער וועלט. ער האָט געהאָפט און געוואַרט שטיִל, אַ מיִנוט ניִשט פערגעסענדיג, אַז דאָס לעבען, וואָס ער פיִהרט איִצט, איִז ניִשט דאָס עכטע, אַז דאָס ריִכטיגע לעבען וועט זיִך פאַר איהם ערשט אָנהייבען. דעריִן האָט ער געגלויבט, פעסט געגלויבט. ער האָט געהאָפט אויף דעם טאָג, ווען ער וועט

זײַן רײַך. עס איז לײַכט זיך פאָרצושטעלען, ווי די פאַנטאַזיע האָט זיך בײַ איהם ענטוויקעלט. אין אָנהויב איז דאָס געווען נישט קיין קלאָרע האָפנונג, זי איז אָבער געוואַקסען צוזאַמען מיט דער נויט, און איז אײַנגעוואָרצעלט געוואָרען טיעף אין זײַן נשמה. מיט דער צײַט האָט די האָפנונג אָנגענומען אַ בעשטימטע פאָרם: ער וועט געווינען אויף דער לאָטעריע. ער פלעגט שעה'ן־ווײַז אַרומשפּאַצי־רען אין די גאַסען, אַ פער'חלום'טער און אַ פערטראַכטער, און דעמאָלט האָבען זיך געטראָגען פאַר זײַנע אויגען בילדער, אײנס שענער פאַר דעם אַנדערן. ער אַליין איז גאַר אויסגעוואַקסען אין זײַנע אויגען. ער איז רײַך, געבילדעט און אַ פײַנער מענש, אַ דזשענטעלמאַן. וואָס פאַר אַ שלעכטע, פאַלשע מײנונג האָבען וועגען איהם געהאַט זײַנע חברים! דאָס זעהען זיי איצט, ווען אַלע גוטע זײַטען פון זײַן כאַראַקטער בעקומען אַ רעאַלען אויסדרוק... דערנאָך פרויענצימער, ליעבע; רײַזען אין דער ווײַטער וועלט, אונטער דעם הײסען הימעל פון שפּאַניען, אויף די הויכע שנע־בערג אין דער שווייץ... דאָס אַלץ שטעלט זיך פאָר לעבעדיג, מיט אַלע קלײניגקײטען. דאָס איז אַ מין שכּרות, וואָס מעהר מען טרינקט, מעהר ווילט זיך. איהם איז אַ שאָד איבערצוהאַקען דעם גאָלדענעם פאָדים פון זײַנע געדאַנקען, און ער טראַכט און חלום'ט.

מיר האָבען איהם אָפט אָבגעשטעלט אויף דער גאַס, ווען ער איז געווען שטאַרק פערטראַכט. קײנער האָט נישט געוואוסט, וואָס עס אינטערעסירט איהם אַזוי טיעף, אַז ער זאָל אַזש אויס־רעדען וואָס גיכער פּטור צו ווערען פון אונז. מיט דער צײַט זענען מיר אָבער געוואָהר געוואָרען דעם סוד, דאָס איז געווען לעכערליך, אָבער אויך טרויעריג. קאַלטבערג מיט זײַן טיעפען געפיהל צו מענשען האָט דאָס דער ערשטער בעמערקט, און פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך מיט איהם מעהר אינטעסירט, מעהר איהם מיטגע־פיהלט און עפטער געליהען איהם געלד.

גורשטיין האָט געוואָלט צו'ם סוף פּרובען זיין מזל און שפּיעלען אויף דער לאָטעריע און איז געקומען צו איהם באָרגען עטליכע רובל. קאַלטבערג האָט איהם געפרעגט, צו וואָס ער בעדאַרף דאָס געלד. גורשטיין האָט אין אָנהויב געפּרובט צו בעהאַלטען, נאָר צום סוף האָט ער אויסגעזאָגט, אַז ער וויל שפּיעלען אויף דער לאָטעריע. אַנ'אַנדערער וואָלט איהם געענטפערט מיט אַ חוזק, נאָר קאַלטענבערג, פֿיהלענדיג, אַז דאָ איז נישט אַזוי גלאַט, האָט איהם מיט וויילע רעד ערקלערט, אַז דאָס איז אַנ'אומזין, ער וועט נישט געווינען און דאָ הונגערן אַרום מענשען און יעדער נויטיגט זיך אין אַ רובל אויף וויכטיגערע זאַכען.

אַזוי האָט זיך אונזער פֿאַנטאַזיאָר אָנגעשלאָגען אין דער ווירקליכקייט, ווען ער האָט געפּרובט מאַכען דעם ערשטען טריט צו דערגרייכען זיין האָפֿנונג. ער האָט זיך געשעמט פֿאַר קאַלטבערג'ן, און נאָך מעהר פֿאַר אונז, וואָס מיר זענען געוואָהר געוואָרען די געשיכטע פֿון קאַלטבערג'ען, וועלכער פֿלעגט קיין זאַך נישט בעהאַלטען. נאָר דאָס האָט איהם נישט געשטערט ווייטער צו פֿאַנטאַזירען וועגען דער גליקליכער צייט. די פֿאַנטאַזיע האָט מיט דער צייט פֿערנומען דאָס ערשטע אָרט אין זיין לעבען. מיט איהר איז ער אויפֿגעשטאַנען, מיט איהר האָט ער זיך געלעגט, מיט איהר האָט ער אַרומגעשפּאַצירט אין די גאַסען. און דאָס האָט געדויערט לאַנג... יאָהרען.

מעגליך איז, אַז ער האָט אַליין בעמערקט, אַז זיין קאָפּ איז פֿערנומען אוננאָרמאַל, אַז ער לעבט אין אַ חלום, נאָר ער איז שוין נישט געווען אימשטאַנד זיך אָבצוזאָגען פֿון איהם. דאָס טראַכטען איז געווען אַזוי אַנגענעהם, ער האָט זיך דערביי געפֿיהלט אַזוי גליקליך, אַזוי פֿריי! צו וואָס שטערען?

אונזער קאָמפּאַניע איז דערווייל צעזעהט און צעשפּרייט געוואָרען איבער דער וועלט, יעדער האָט זיך געהאָלפֿען ווי ער האָט געקאָנט. אַנדערע האָבען געפֿונען אַרבייט, טייל זענען זיך צופֿאָהרען:

נאָך איינער האָט זיך גענומען דאָס לעבען. דער בולהאַלטער האָט געמאַכט אַ קאַריערע... און גורשטיין איז געבליבען אונפערענדערט, ארומגעשלעפּט זיך איינער אַליין מיט זיין גאָלדענער פאַנטאַזיע, און דערווייל געהונגערט און געזונקען אין דער נויט. און אָט איז ער אין איין טאָג געקומען צו'ם גליקליכען ברעג. די האָפנונג איז געוואָרען אַ ווירקליכקייט: ער האָט גענומען צעהלען און איבער־צעהלען באַנקנאָטען. דאָס זענען געווען שטיקלעך פּאַפּיער, וואָס ער האָט צוזאַמענגעקליבען אויף דער גאַס.

— איצט קאָנט איהר איהם זעהן אין שפּיטאָל — האָט דער דאָקטאָר געענדיגט.

# כָּל נִדְרֵי אִין אַוואַרְיֶעטֶע.

די שטאָדט צ. אין שווייץ, וואָס ליגט אין טאָל, איינגעגראָבען צווישען צוויי בערג, איז געווען איינגעהילט אין אַ פייכטען נעבעל. אַ גאַנצען טאָג האָבען זיך די שפּיץ בערג געראָוויכערט; אָבגעריסענע, צוקראָכענע שטיקער וואָלקען האָבען זיך געשלעפּט; פאַרנאַכט האָט זיך דער נעבעל אַראָבגעלאָזט אונטען, אין טאָל אַריין, און האָט איינגעהילט די שענע שטאָדט, מיט איהרע שפּיציגע טורעמ'ס אין אַ בלאָהליך-מאַטאָווען קאָליר.

עס האָט צוגעבלאָזען אַ קאַלטער, אין דער נשמה אַריינקריכענדער ווינד. אַ טריבער און אונגעמיטליכער, וואָס דערמאָנט, אַז דער ווינטער איז נישט ווייט.

די בעריהמטע צ—ער זעע, וואָס איז זיך געלעגען אַ גאַנצען זומער רוהיג אין זיינע ברעגען און זיך געשפּיגעלט צופריעדען קעגען די שטראָמען ליכט — האָט אויסגעזעהן פערקיהלט צו זיין. זי האָט געציטערט, אונרוהיג זענען געלאָפען קליינע כוואַליעס, עפּעס איז זי אין גאַנצען געוואָרען ווי איינגעשרומפּען און דערשראָקען פון דער קאַלטקייט. אַ גאַנצען טאָג האָט די זון געבלאָנדזעט אונטער דיקע וואָלקען אָהן גלאַנץ, אָהן לוסט, אַזוי ווי אַ מין אָבל. איצט איז זי שוין אַרונטער אונטער'ן באַרג, און נאָר אַ רויטליכער אָבגלאַנץ האָט זיך נאָך געזעהן דאָ און דאָרט.

די נאַכט האָט אָנגעהויבען צוצופאַלען.

אין די גאַסען, אין די שויפענסטער און אין די טראַמוויי'ען האָט מען אָנגעצונדען פייער. אַ גאַנצע מענגע צופאַלענע שוואַכע

שטראַהלען האָבען דורכגעריסען דעם גענעפעל און צעלאָפען זיך אין אלע זייטען.

עפּעס אַנ׳אומעט האָט געשוועבט אין דער בין־השמשות׳דיגע לופט. עס האָט זיך געדוכט, אז וועמעס אַ זיפץ האָט זיך געלאָזט הערען אויף דער גרעניץ צווישען טאָג און נאַכט.

ניין! די צ—ער בירגער, וואָס האָבען שפּאַציערט אין די אַלעע ביי דער זעע, האָבען קיין שום זיפצען נישט געהערט. דאָס דאָזיגע בערג־פאָלק, געוואוינט צו פיעל ארבייט און צו וועניג טראַכטען, האָט נישט קיין אויערען פאַר נישט געזיפצטע זיפצען. דוכט זיך, אז די דאָזיגע קליינע גאָר פעסטע און געזונדטע שווייצער האָבען קיין זין נישט פאַר אומעט. ווי שען און פּאָעטיש זייער לאַנד איז, אזוי אונפּאָעטיש און נישט־שען מוז זייער נשמה זיין.

געהערט האָט אָבער יאָ דעם זיפצען אין דער טיפעניש פון זיין הארץ עפּעס אַ מענש, נישט קיין היימישער, וואָס האָט אויך שפּאַציערט אין דער אַלעע. אַ מענש אין די 40 יאָהרען איז דאָס געוועזען, אַ הויכער און אַ ברייט־פּליי<br>ציגער, מיט אַ רונדיג אויסגעפּילט פּנים. קוקט איך בעסער צו צו איהם: אַ ברונעט, שווארצע האָר און — אַ יידישע נאָז.

אויפ׳ן קאָפּ טראָגט ער אַ צילינדער, פון די פינגער פינקלען אַראָב דיקע גאָלדענע פינגערלעך (אפשר גאָר פערגילדעטע), די באָרד מיט די וואָנסעס אָבגעראַזירט, אַ סימן, אז ער געהערט צו דעם מין אקטערען.

ער איז געגאַנגען מיט פּוילע נאַכלעסיגע טריט, און פּויל און נאַכלעסיג האָבען זיך אויך זיינע געדאַנקען געשלעפּט.

דאָס איז געווען דער קאָמיקער פון דעם צ—ער Variete, אַנ׳אונגארישער ייד, וואָס קוויקט טאָג־טעגליך דאָס האלב־יידישע פּובליקום מיט דייטשע פּע־זען און ווערטלעך, צוגעזאַלצען טייל־מאָל מיט היימיש־יידישע ווערטער.

דער קאָמיקער איז היינט טרויעריג, מיעד, פערשלאָפען, דער קאָפּ נעבעלדיג, דאָס הארץ קלעמט.

די פאָריגע נאַכט האָט ער נע׳שכור׳ט, היינט האָט ער זיך אויפגעהויבען שפּעט נאָכמיטאָג. אַזאַ שלעכט וועטער! און פּלוצלונג האָט ער זיך דערמאָנט, אַז היינט אָבענד׳ס איז יום־כפור.

און טרויריגע, שווערע געדאַנקען טראָגען זיך אין זיין קאָפּ. אויסגעבעטענע געסט! ניט ער וויל דאָס טראַכטען, און עס טראַכט זיך פאָרט.

אין פּרעסבורג האָט ער איבערגעלאָזט אַ ווייב און קינדער — שוין לאַנג האָט ער זיי נישט געזעהן. זיי שרייבען איהם בריעף, און ער שיקט זיי צו פון ציינט צו צייט עפּעס געלד. מעהר ווייס ער נישט פון זיי... ער האָט אַרויסגענומען דאָס זייגעריל פון טאַש: נאָך אַ האַלבע שעה מוז ער געהן אין Variete.

טפוי! צו אַלדע שווארץ יאָהר! וואָס האָט זיך אָנגערוקט דער מיאוס׳ער נעבעל!

די נאַכט איז שוין אין גאַנצען צוגעפאַלען. דער רויטער אָבענדגלאַנץ איז שוין פערשוואונדען געוואָרען. דער ווינד בלאָזט, און די ביימער ציטערען שטיל.

ע־ע־ע־ — כל נדרי — ברומט ער אונטער און לאַכט אין הארצען פון דעם נגון, וואָס ער האָט זיך פּלוצלונג עפּעס דערמאָנט.

דער קאָמיק דידאָני (זיין אֱמת׳ער נאָמען איז מעלאַמעראָהן,) איז זעהר בעליעבט ביי׳ם פּיבליקום. נישט ווייל ער האָט אַזאַ גרויסען קאָמישען טאַלענט, אָדער ווייל ער איז שאַרפזיניג, אָדער איבער זיין שטימע; בסך הכל איז דאָס אַ מיטעלמעסיגער אַרטיסט פון זיין פאַך, און נאָך אַ ביסעל ווייניגער ווי מיטעלמעסיג. ער צייכענט זיך נאָר אויס מיט זיין חוצפה׳דיג פערהאַלטען זיך מיט׳ן פּובליקום. ער רעדט אַראָב פון דער בימה, ווי איינער, וואָס וואַלט זיך אין אַ קליינער געזעלשאַפט פון בעקאַנטע. אַלץ פּאַסט,

אלץ איז שען און גוט; וואס נאר אויף דער צונג – ארויס דערמיט. און דאס פובליקום איז צופריעדען, נאר בעזונדער – פון די עלטע־יידישע וויצען.

„איך ווערדע איהנען איינץ געשיכטע ערצעהלען ווערדען זי זיך גאנץ בכשר ובכבוד אמוזירען״ – הייבט ער אן זיינע וויצען. אדער שבת־צו־נאכט׳ס, ווענדעט ער זיך צו׳ם פובליקום און זאגט:

„לכבוד שבת ערצעהלע איך איהנען עטוואס פיינעס, קונעלדינגעס״... און דאס פובליקום איז אויסער זיך, שפרינגט פון דער הויט פאר לאכען, הערענדיג אזעלכע בעקאנטע ווערטער פון דער ביהנע הראב.

„אוי־אוי־אוי־אוי – – ואמרי״ – ברומט ער וויטער אונטער דער נאז, און איהם פאלט איין, אז ס׳איז א יושר הייגט אוועגדם עפעס צו דערמאנען וועגען יום־כפור. געוויס וועלען היינט זיין פיעל יידען.

דער ראזינער נעדאנק, וואס רירט אן זיין פרנסה, מאכט איהם ערנסט, און ער פערגעסט די מרה־שחורה.

דערוויל ברומט ער אונטער דעם כל־נדרי, און דער נאסער ווינד זינגט אויך מיט שטיל:

„ושבועי וחרמי וקנסי א־א־א – –״

פאר וואס האט ער נישט געבעטען קיין אורלאב פון דירעקטאר, אום צו געהן אין שול אריין? – און וואס וועט זיין נאכ׳ן טויט? אפשר איז דאס אלץ אמת – דאס גיהנם – – באמת, ער האט שוין גאר אין גאנצען פערגעסען, אז ער איז א ייד.

דאנדרנא - ע־ע־ע–א

צו די קופלעטען „אונד דאס איזט די לעערע טאשע״ פאסט די מעלאדיע צו אויסגעצייכענט, טראכט ער, און זוכט שוין צו די בעוועגונגען, וואס ער דארף מאכען, און די מינע וואס ער דארף אנשטעלען דערביי, און ער שטעלט זיך פאר, ווי דאס גאנצע

טעאַטער וועט הילכען פֿון בראַוואָ, אַז ער וועט זינגען „אונד דאָס איזט די לערע טאַשע“ מיט דעם נגון פֿון כל־נדרי.

אַ גוטער איינפֿאַל... לאַכט ער צו זיך אין האַרצען.

און פֿאָרט — וואָס איז ער עפּיס אומעטיג? וואָס נאָגט עפּיס בײַ'ם האַרץ?! — אַ קאָמיק מאַר נישט זיין טרויריג, ווי אַזוי וועט ער אַרויסטרעטען פֿאַר אַ פּובליקום אין אַזאַ צוקראַכענער שטימונג?

„מיום כפּורים זה — ע־ע־ע־ע — ה!

ווי אַזוי בין איך דאָס געוואָרען אַ קאָמיק? טראַכט ער — מאָדנע! באַלד נאָך דער חתונה האָט ער זיך גאָר געלערנט שהיטות; אַז ער האָט אָבער נישט בעקומען קיין שטעל, איז ער געוואָרען אַ בדחן. און עפּיס אַ צופֿאַל האָט איהם פֿערוואָרפֿען אויף די ברעטער פֿון אַ Variete פֿון צווייטער ראַנג. וואָלט ער ערגיץ אין אַ שטעדטיל בעקומען אַנ'אָרט אַלס שוחט, וואָלט ער גאָר איצט געשטאַנען מיט אַלע יידען גלייך אין שול, אין אַ קיטעל און טלית און וואָלט געוויינט און געשלאָגען זיך „על־חטא“, און אַ רים פֿון גראָז וואָלט זיך געשלאָגען אַרום איהם...

„ניין! אַ טרויריגער קאָמיקער טויג צו גאָרנישט!“ ער מאַטערט זיך צו פֿעריאָגען די טרויריגע געדאַנקען און געהט צו צו דעם Variete.

די צוויי עלעקטרישע לאָמפּען ברענען שוין מיט זייער רויט־ליכער ליכטיגקייט פֿאַר'ן אַרייננאַנג. ער געהט אַרונטער אונטער די קוליסען, די בעקאַנטע זאַכען, די בעקאַנטע צורות מאַכען איהם רוהיגער. דאָס נאָגעניש אין האַרץ לאָזט אָב.

דורך די עפֿענונג אין דער פֿאָרהאַנג בעקוקט ער דאָס פּובּ־ליקום און בלייבט צופֿריעדען: אַרום נאָר יידישע פּנים'ער. עס זענען געקומען סטודענטען, כּתּם־יידען, רוסישע עמיגראַנטען; עס זענען געקומען „יענע“ דאַמען — אויך יידישע קינדער.

— היינט מאַך איך אַ סיורפּריז דעם פּובליקום — רוימט ער איין אַ סוד דעם דירעקטאָר אין אויער.

נאָך דער סיורפריז איז נישט געראָטען.

אַז ער האָט אָנגעהויבען צו זינגען „אונד דאַס איזט די לעצטע טאַשע“, אַזוי ווי ער האָט דאָס צונעגרייט, ווי נאָר זיינע איינענע אויערען האָבען דערהערט די ערשטע טענער פון דעם טרויעריגען מאָטיוו — האָט ער ווידער דערפיהלט דאָס נאָגעניש אין האַרץ, און זיין שטימע איז געוואָרען מאַט און געבראָכען.

דאָס פובליקום האָט נישט אָנגעהויבען צו לאַכען, פערקערט נאָך: דוכט זיך, עס איז געווען ווי אומצופריעדען און האָט איהם אָנגע-קוקט מיט מאָרנע בליקען.

געדוכט האָט זיך איהם, אַז צווישען פובליקום אין זאַל טראָגט זיך אַ שטיל מורמלען, אַזוי ווי ביי „תפלה-זכה“ זאָגען.

און נאָר אַ ראַנק זיין חוצפה׳דיג האַלטען זיך, איז דעם קאָ-מיקער געלונגען נישט מיאוס דורכצופאַלען. ער האָט אָבגעהאַקט אין מיטען קופלעט און האָט זיך געווענדעט צו׳ם פובליקום מיט די ווערטער:

„העלפען זי מיר דאָך!“

„אוי-אוי-אוי-אוי — —

און דאָס פובליקום האָט איהם צוליעב געטהון. פון פער-שיעדענע זייטען האָט מען אונטערגעהאַלטען.

אוי-אוי-אוי—וְאַחֲרֵי—

איינע אַ דאַמע פון „יענע“ איז אַרויס מיט אַנ׳אויסגעלאַסען געלעכטער, און אין זאַל האָט באַלד געהירכט פון „בראַוואָ-ביס“.

# פֶּערְשְׁוַואכְטֶע הֵיילִיגְקַייטֶען.

# I.

א זומער-נאכט. א פלאץ אונטער דער שטאדט, בענאסען אין גאנצען מיט דער זילבערנער, העלער שיין פון דער לבנה. פון דער וויטען שימערען די טהורמען פון דער שטאדט. ביי דער זייט — א קליין וועלדיל.

ער ליגט אויסגעצויגען, די הענד אונטערגעשפארט אונטער'ן קאפ, און קוקט פערטראכטערהייט אויפ'ן הימעל.

זי זיצט דאנעבען; די ארעמס ארומגעלאזט הילפלאז, פערזארגט. די האהר אין אונארדנונג; אט-אט צולאזט זיך די פערקעמונג און וועט אראבפאלען אין געשטאלט פון א לאנגען צאפ. זי זיצט איינגעבויגען, קוקט אויף איהרע הענד, וואס ליגען איינע אויף דער אנדערער איינגע-גראבען אין איהר קלייד. א גאלדען פינגעריל בלישטשעט פון א פינגער. זי איז אין גאנצען — פערלארענהייט — הילפלאזיגקייט. א רויט זאקען-בענדיל זעהט זיך ארויס פון איהר פוס. ניט-פערבונדען, פערוואָרלאזט.

די לייכטע נעפלען שפינען און וועבען א ני'א ידעע, וואס ציטערט און פלאטערט ארום און דוכט זיך צו זיין זונערגרייפבאר, ווי די טיעפע הימלען, ווי די אונענדליכקייט. אט-אט ווערט זי געבוירען, אט-אט אהנט מען זי; באלד אבער ווערט זי פערלוירען, ווערט ווי א שאטען, נישט אנצוריהרען.

---

זי (איבערגרייסענדיג די שטילקייט): שמעון...

ער (שוואך און פער'חלומ'ט): וואס?

א קורצע פויזע.

זי: וואס טהוסט דו?

ער: איך ליג אויפ'ן רוקען מיט אפענע אויגען; וואס ווילסט דו דען, דו מיין נאריש מעדעל?

זי (זיפֿצט אָב שווער): אַך!

(די אידעע איז דערוויַיל פֿערשוואונדען, ווי א וויַיט-וויַיט ווידער קול, געשטערט און פֿעריאָגט פֿון די רעד).

זי: „נאַריש מערעל"! און ערשט נישט לאַנג בין איך געווען אַזוי שען, אַזוי קלוג אַזוי גוט... נאַטירליך קלוג, אָרגאַניש קלוג, קלוג אין גליק אין שענהייט. נישט וואָהר? האָסט נישט אַליין אַזוי געזאָגט?

ער: יאָ; איך האָב געזאָגט.

זי: און יעצט בין איך געוואָרען א נאַרישע, וויַיל איך בין בעגאַנגען א נאַרישקייט — דאָס האָסט דו מיר געוואָלט זאָגען?

ער: ניין. איך האָב גאָרנישט געוואָלט זאָגען.

זי (מיט טרערען אין דער שטימע): שמעון...

ער (דערהייבענדיג דעם קאָפּ): וואָס ווילסט דו דען, מיין קינד?

זי (נעהמט איהם ארום און קושט איהם): שמעון! מיין טייערער שמעון! ביזט נישט מיין? בין איך נישט דיין?

ער: יאָ, געוויס. דו ביזט מיין, איך בין דיין.

זי: וואָס דען?—

ער: גאָרנישט. בערוהיג דיך, קינד; וואָס ווילסט דו דען?

זי: פֿאַר וואָס שווייגסט דו, ליעגסט שטום? פֿאַר וואָס ווילסט דו מיט מיר יעצט נישט רעדען?

ער: וועגען וואָס ריידען?

זי: ביז אַהער האָט דיר קיינמאָל נישט געפֿעהלט וועגען וואָס צו רעדען מיט מיר.

ער: וועגען דיר אפשר רעדען? ביזט שען ביזט יונג, און קלוג; נאַטירליך קלוג..

זי (לעגט איהם איהר האַנד אויף זיין מויל און לאָזט איהם נישט ענדיגען): לאָז געמאַך, שווייג! דו לאַכסט פֿון מיר, שפּאָטסט...

ער: וואָס-זשע ווילסט דו?

זי: נישט וועגען מיר רעד!

ער: און וועגען וואָס?

זי (קוקט זיך אַרום ווי זוכענדיג עפּיס): עס פֿעהלט וועגען וואָס צו רעדען? נו רעד... רעד וועגען די שטערען, וועגען דער לבנה...

ער (קוקט אויף דער לבנה, רייבט מיט דער האַנד דיָם שטערן): וועגען דער לבנה? — זי איז ווייט פֿון דער ערד אַנ׳ערך פֿופֿציג טויזענד מייל; וואָרט... אַמאָל האָבען זיך אויף איהר געפֿונען לעבעדיגע בעשעפֿעניסען; יעצט איז זי קאַלט, אָהן לופֿט, אָהן וואַסער...

זי: דאָס ווייס איך אָהן דיר.

ער: אֶמֶת.

— — — — — — — — — — — — — — — —

## II.

פּויזע. די שטערען שווייגען. עס דוכט זיך, אַז אויך זיי האָבען ניט געהאַט וועגען וואָס צו רעדען און האָבען זיך פֿערטראַכט שטיל-שווייגענדיג. רוהע. די לופֿט בעוועגט זיך נישט. קיין שטים ציטערט נישט: עס דוכט זיך צו פֿיהלען, ווי די ערד לויפֿט איהר וועג. די אידעע שפּינט זיך און וועבט זיך, אָט-אָט ווערט זי געבוירען אָט-אָט לאָזט זי זיך ווייזען.

זי האָט אָבגעזופֿט.

ער: דו האָסט, דוכט זיך געזיפֿצט, רחל — הער אויף... קום אַהער, וועל איך דיר עפּעס דערצעהלען, עפּעס שיינעס.

זי (פֿערוואָרגט): וואָס?

ער: אַנ׳אידעע, אַ וואוילע אידעע. נויג דיין קאָפּ צו מיר, אָט אַזוי. מיר וועלען שמועסען. דו ביסט אַ ליעבליך קינד, רחל; דיין נשמה איז אַזוי אויפֿהאָרכענד...

זי: דערצעהל מיין גוטער שמעון דערצעהל מיר עפּעס... איך פֿיהל מיך אַזוי אונגליקליך

ער: נישט רעד אַזאַ נאַריש, אונזיניג וואָרט. נישטאָ קיין אונגליקליכע! ליעג רוהיג אַזוי, שטיל־שטיל און האָרך אַ געשילטע, אַוואוילע אירעע (דערצעהלט).

... און די אונענדליכקייט, פון מזרח ביז מערב און פון צפון ביז דרום, אונטען און אויבען, איז פול געוועזען אַטאָמען.

טויטע אונבעוועגליכע אַטאָמען זענען געלעגען אין דער איי־ביגער רוהיגקייט און שטילקייט. אַלץ איז געווען איין־איינציגער געפעל, און אין דעם געפעל איז געלעגען אויסגעשפרייט בּראַהמאַ, דער גאָט פון גאָרנישט, און איז געשלאָפען זיין אייביגען שלאָף.

בּראשית — יונג איז נאָך דעמאָלט בּראַהמאַ געוועזען, האָט איהם אַ חלום גע׳חלום׳ט.

זי: וואָס האָט איהם גע׳חלום׳ט?

ער: ליעג רוהיג, רחל. דו שטערסט... וואָס בּראַהמאַ׳ן האָט גע׳חלום׳ט, דאָס ווייס קיינער נישט, אויסער בּראַהמאַ אַליין.

... אַ יונגענד־חלום איז דאָס געוועזען. אין חלום האָט בּראַהמאַ געשמייכעלט, און די ליפען זיינע האָבען זיך קוים קוים בּעוועגט.

און די בּעוועגונג איז איבּערגעגאַנגען פון זיינע ליפען אויפ׳ן נאָהענטען אַטאָם, האָט ער אַ ציטער געגעבען און זיך אָנגעשלאָגען אָן אַ צווייטען אַטאָם.

„מיר לעבען ראָך!" האָבען זיי זיך בּיידע דערפרעהט און האָבען זיך גענומען דרייהען אין אַ ראָד.

פון די צוויי איז פייער געוואָרען: צו די פייער איז צוגעקומען נייע פייער... און גרעסער און פלאַמיגער איז געוואָרען דאָס ערשטע ראָד...

די ערשטע זון... און שטיקער האָבען זיך אָבּגעריסען...

זי: אַזוי ווי אין בּיבעל שטעהט...

ער (אונגעדולדיג): שטער נישט...

... עס זענען וועלטען בּעשאַפען געוואָרען — שמייכעלדיגע

וועלטען. אַלע בעשעפּעניִשען פון יענע וועלטען זענען געווען פריש און ליעבליך, ווי אַ יונגענד-שמייכעל. מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען זענען זיי געבוירען געוואָרען, און מיט אַ שמייכעל זענען זיי געשטאָרבען.

און עס צופלאַקערען זיך וועלטען און קיהלען אָב; דורות שטאַרבען, דורות ווערען געבוירען. בעשעפּעניִשען ווערען פערשוואונדען און נייע ווערען בעשאַפען — און לאַנגע יאָהרען איז בּראַהמאַ געשלאָפען און קיין חלום האָט איהם ניִשט גע׳חלום׳ט.

ביז דער גאָט פון גאָרניִשט האָט זיין נאַטור געביִטען, און איהם האָט ווידער אַ חלום גע׳חלום׳ט: אין שלאָף האָט ער געקושט.

און נייע וועלטען זענען בעשאַפען געוואָרען, קושענדינגע וועלטען, וועלטען פול ליעבע און הייסעס בעגעהרען.

זיינע וועלטען פלאַקערען און קיהלען אָב. שאַפען און פערניכטען, און בּראַהמאַ שלאָפט זיין אייביגען שלאָף.

בייטענדיג זיין נאַטור, האָט ער אַמאָל אין שלאָף אויסגעדריקט זיין ווילען. געקנייטשט דעם שטערן און האָט בעפוירען — און עס זענען בעשאַפען געוואָרען נייע וועלטען, פול ווילען און ענערגיע.

נאָר — אַלט געוואָרען איז בּראַהמאַ! אין חלום האָט ער שוין געשמייכעלט, געקושט, בעפוילען, געשפּאָט, זיך געבייזערט, געריִנצעלט דעם שטערן: יעדעס נייע געפיהל, וואָס איז געבוירען געוואָרען אין בּראַהמאַ׳ס האַרץ, האָט נייע וועלטען בעשאַפען, און די נייע האָבען די אַלטע צושטערט.

איצט איז ער אַלט, דער גאָט פון גאָרניִשט. קיין ניי געפיהל ווערט ניִשט געבוירען אין זיין האַרץ, איהם חלומט קיין חלום ניִשט, און קיין נייע וועלט ווערט נישט בעשאַפען.

איין מאָל נאָר האָט בּראַהמאַ געגעניצט פאַר לאַנגווײַלע, איז בעשאַפען געוואָרען אונזער וועלט, אונזער לאַנגוויילינע וועלט.

ניִשטאָ קיין לעבעדיג, שאַפענר געפיהל, — אַלץ לעבט און שטאַרבט מיט אַ געניִץ...

# III.

אַ שוועראַס דויערענדעס שווייגען. די ליכט-וועלען ציטערען, ווי זיי וואלטען זיך שרעקען פֿאַר עפּעס, וואָס איז געשעהן. עפּעס אַנ׳-געלענדקייט ליעגט אויף אלעם. בשעת ער האָט דערצעהלט, איז די אידעע פֿערשוואונדען ווי אַ שאָטען.

דער שטאָדט-זייגער קלינגט עלף.

זי: (הייבט אויף דעם קאָפּ און זיפֿצט): גאָט דו מיינער!

ער: די מעשה געפֿעהלט דיר נישט? (צו זיך) אזוי שיין איז דער געדאַנק געוועזען, איידער איך האָב איהם דערצעהלט, און איך בין אזוי גליקליך געוועזען מיט איהם.

זי (שלוכצט): גאָט דו מיינער! אָח!

ער (מיטפֿיהלענד): איך בעט דיך, רחל, הער אויף... מ׳דאַרף גליקליך זיין. ערשט נישט לאַנג בין איך אזוי גליקליך געוועזען מיט אַנ׳אידעע, וואָס האָט זיך געשפּינט אין מיין קאָפּ...

זי: (ווי פֿריהער): ערשט נישט לאַנג... גאָט דו מיינער (וויינט).

ער: אָח, רחל, רחל! מיר לעבען ווי גאַראָנים אלע. גליקליך דאַרף מען זיין אליין. נאָר אליין. אין צוויי׳ען איז קיין גליק נישטאָ. עס ווערט פֿערשוואַכט, ווי אַ דורכגעטראַכטער געדאַנק, ווי אַנ׳אויסגעזאָגטע אידעע — —

אַ כּותר פֿאָהרט דורך. די רעדער סקריפּען. אַ פּויער שרייט אַראָב פֿון דער פֿוהר: „עי יונגע, געננוג! שוין שפּעט“. אַנ׳אויסגעלאַסען געלעכטער פֿון פֿיעל שטימען ענטפֿערט פֿון דער פֿוהר.

# שײַקער און שלימזל.

# I.

## געטרייע חבר'שאפט.

אזוי ווי ביידע העלדען מיינע עקזיסטירען נאך אויף דער וועלט, דעריבער, כדי זיי זאלען צו מיר קיין טענות נישט האבען וועל איך זיי נישט אנרופען מיט זייערע נעמען, און זיי וועלען הייסען ביי מיר דער איינער „שייקער“, דער אנדערער „שלימזל“. זייער אויסזעהן וועל איך אייך אויך נישט אויסמאהלען: איהר קאנט זיי נאך דערקענען. גענוג, אז ביידע זענען געווען בלאסע אויפ'ן פנים, ביידע האבען געהאט רויטע אויגען, ווי זיי וואלטען נעכט נישט געשלאפען, און בלאע צייכענס אונטער די אויגען, א ביסעל רויטליכע נעז; ביידע האבען געטראגען צעקנייטשטע קאפעלושען, צושמאלע אדער צולאנגע אדער צוברייטע אדער צוקורצע — הויזען און מאנטלען, און זענען ביידע געגאנגען אלע טאג שפאצירען אין זאקסישען גארטען.

ביידע זענען זיי אויפגעהאדעוועט געווארען אין קליינע שטעדט־לעך, צווישען פעלדער און פלוימען־גערטנער, און האבען שטארק ליעב געהאט די נאטור. די נאטור אבער — א, די שלעכטע קאפריזנע פיעלגעליעבטע! — האט זיי נישט געשאנקען געגענליעבע, זי האט זיי פערטריבען פון זייערע שטעדטלעך, פערשטויסען פון זייערע עלטערען, אוועקגערויבט זייער הארצליכע אמונה און פרומ־קייט און האט זיי פעריאגט אין דער גרויסער שטאדט ווארשא, צו זוכען נייע אמונה און נייע פרומקייט און עפיס א תכלית פאר זיך, און אויף דערוויל — דאס איז שוין א מעשה פון 5 יאהר — האט זי

זײ פערשטופט: אײנעם שײקער'ן דעם רושאַנדרצע *), הויך=הויך אויף 4 שטאָק אויף דער סמאָטשע גאַס, און פאַר דעם צווײטען, שלימזל דעם העברעאישען לעהרער, האָט זי געפונען אַנ'אָרט אין אַ פינסטערען בוידעם=צימער — אויפ'ן 3=טען שטאָק אַפילו — אויף דער פראַנציסקאַנער גאַס.

וועט אײך שוין קײן וואונדער נישט זײן אַז זײערע הערצער האָבען זײ נעצויגען אין זאַקסישען גאָרטען אַרײן, צו שעפּען אַ ביסעל פרישע לופט — זײ האָבען בײדע אַביסעל אונטער געהוסט — אָנזעטיגען דאָס אויג מיט די גרינע בלעטער אויף די בײמער, מיט דעם פרישען גראָז, מיט די שענע בלומען און טאַקי זיך אויך גוט צוקוקען מיט האַלב=צוגעקנײטשטע אויגען — זײ זענען בײדע קורצ=זיכטיג געוועזען — צו די שענע, וועלטבעריהמטע וואַרשעווער „פּאַננים” און אַרומרעדען וועגען זײער גאַנג און שיק. און דערבײַ אויך אַביסעל פילאָזאָפירען — זײ זענען בײדע זעהר בעלעזען געוועזען — וועגען פער=שיעדענע=פערשיעדענע זאַכען, ווי למשל, וועגען קאָלעקטיוויזם און אינדיווידואַליזם, וועגען רעאַליזם און סימבאָליזם, וועגען שענ=הײט קונסט און נאָך און נאָך, מיט אײן וואָרט: וועגען אַלעם, אויף וואָס די וועלט האָט אַ קיום און וואָס בעקרוינט און בעשענט דאָס מענשליכע לעבען.

אַ זומער=טאָג זײגער 5 נאָכמיטאָג. וואַרשאָ קאָכט און רוישט, דראָשקעס קלאַפּען אויפ'ן ברוק, טראַמװײען קלינגען, און מענשען לויפען משוגענערווײַז, פערהאָרעוועט און פערשוויצט. די לופט איז שווער, די פראַנציסקאַנער גאַס איז פול אַ ריח פון לעדער, אַזש דערשטיקט צו ווערען, אויף דער סמאָטשער גאַס שטינקט, במחילה, גלאַט אַזוי, עפּעס אַנ'אויסמישונג פון אַלערלײ נישט=ליעבליכע ריחות; פון וואָליע=זײַט טראָגט זיך אַרויף פון די פאַבריקען, דער

---

*) „רושאַנדרצע” הײסט אין וואַרשאָ דער וואָס פירט די ביכער פון הויז, וואָס ס'ווערען אײנגעשריבען אַלע אײנוואָהנער.

הימעל איז שווארץ־חושך... דעמאָלט, וואָס פאַר אַ חיות איז דאָס צו דערמאָהנען זיך אָן דעם זאַקסישען גאָרטען מיט זיינע 7 טויע־רען, וואָס נעהען ארויס אויף אַלע זייטען פון דער וועלט, מיט זיינע הויכע ביימער און גרינע בלעטער. פריש גראָז און קיהלער לופט!

און שייקער און שלימטזל זענען טאַקי געגאַנגען. וואוהין זייערע הערצער האָבען זיי געצויגען; דורכגעטרעטען אַלע אַלעען, אויסגעמאָסטען אַלע גלייכע און קרומע שטעגען, געזעצט זיך אָב־רוהען אויף אַ באַנק און געשמועסט און פערברענגט די צייט.

טיילמאָל זענען זיי זיך פער'מיאוס'ט געוואָרען איינער דעם אַנדערען. און שייקער האָט זיך אָנגערופען צו שלימזל'ן.

— איך בעט דיך, שלימזל, וואָס וועט זיין דער סוף פון דיר? זאָג מיר...

— און פון דיר, וואָס וועט זיין דער סוף, שייקער? שוין 5 יאָהר דאָ אין וואַרשאָ. און צו גאָרנישט זיך נישט צוגעשלאָגען. אַ חרפּה און אַ שאַנד ס'פּאַסט נישט פאַר אַ מענש, אַזוי זיך אָבצו־לאָזען...

— הייסט דאָס, דו ווילסט מיר מוסר זאָגען, שלימזל? און דו וואָס טהוסט? ניעסט העברעאישע לעקציעס צו 3 רובל אַ חודש— אַ פּרנסה! אַ תּכלית! מען קאָן נישט זאָגען.

שלימזל האָט זיך פערטראַכט אַ ביסעל און געזאָגט:

— אַזוי, פערשטעהסט דו מיך, די צרה איז, וואָס איך קאָן מיך נישט דערשלאָגען אַנשטענדיג אָנצוטהון. וואָלט איך געגאַנגען שען אָנגעטהון, וואָלט איך בעקומען לעקציעס צו 6 רובל און אפילו צו 10 רובל אַ חודש. ווי קומט אָבער די קאַץ איבער'ן וואַסער? אַ פער'כישופט ראָד, פערשטעהסט דו מיך: נישטאָ קיין געלד נישטאָ זיך אָנצוטהון, נישטאָ זיך אָנצוטהון, נישטאָ קיין געלד. איך האָב אָבער נישט רעזיגנירט, איך וועל מיר אַן עצה געבען. אַזוי אָדער אַזוי: איך וועל מיך ארויסדרעהען, דו אָבער

ליִענסט און פּוילסט איִן דער בלאָטע, און נאָרנישט, נישט דײַן באַנָה...

– וואָס ביִסט דו מיִר עפּעס פלוצלינג אַזוי פּעסיִמיִסטיִש געוואָרען, שלימזל? דאָס פערכישופּטע ראָד האָלט אונז ביידען. אז איִך וואָלט געווען אנשטענדיִג אָנגעטהון, וואָלט איִך בעקוּמען א רזשאָנדרצעריִי אויף 40, און אפשר אויף 50 רובל א חודש. וואָלט מען געלעבט, שלימזל ווי גאָט איִן פראַנקרייך! וואָס טויג מיִר אָבער דאָס רעדען? קיין געלד, ברודער איִז נישטאָ, און דעם קאָפּ צו ברעכען און צו באַגָה'נען לוינט ניִשט. זאָט ביִזט־דו און איִן זאַקסיִשען גאָרטען זיִצסטו. און די זון שייַנט – א פערגעניִגען. וואָס פעהלט דיִר, נאַר?

– א פּוסט לעבען... האָט שלימזל געזיפצט:

– עוֹזֵר דַלִים, הוֹשִׁיעָה נָא – האָט שוויקער אונטערגעזונגען.

– נעה צו'ם טײַוועל! – האָט שליִמזל געברומט בייז

– אַליין!

– דו ביִסט מיִר דערעסען געוואָרען ווי ביטערער רעטעך.

– און דו מיִר, ווי ביִטערער רעטעך געמיִשט מיט קאנדעל־צוקער, – האָט שוויקער זיִך געוויצעלט.

– איִך קאָן דיין פּרצוף נישט ליידען

– און איִך דיינס אודאי און אַודאי ניִשט.

אַזוי פלעגען זיִך שוויקער מיט שלימזל טײַלמאָל צוקריִיגען, און, פערשטעהט זיִך, באַלד איבערבעטען, און געהן זיך כְּסֵדֶר שפּאַציִרען טאָג ביי טאָג, סיי יום־טוב, סיי שבת, סיי א וואָכען־טאָג, אָהן שום אונטערשיעד.

טרעפט אַמאָל, געהט שוויקער דער רזשאָנדרצע איינמאָל דורך די אַלעע, וואו זיי פלעגען זיך טרעפען, געהט א צווייט מאָל און א דריִט מאָל – שלימזל. דער העברעאישער לעהרער איִז נישטאָ. געהט ער איהם זוכען איִן אנדערע אַלעען, נעהמט רעכטס, נעהמט לינקס, קוקט זיִך אוים די קורצזיִכטיִגע אייגען; וואו א צעקנייטשטער

קאַפּעלוש ווייזט זיך פֿון דער ווייטען, שפּאַנט ער אַהין מיט גרויס אַפּעטיט, קוקט יענעם אין די אויגען אַריין, און דערוויסט זיך זיינע טעות. זעצט ער זיך צו אויף אַ באַנק, וואַרט און וואַרט — בחנם! שלימזל איז נישטאָ.

„וואו איז שלימזל?" — וואונדערט ער זיך — „וואו איז ער אַהינגעקומען, דער משוגענער?" —

„דער משוגענער" איז אָבער נישט געקומען אַ צווייטען און אַ דריטען טאָג. שייקער'ן ווערט לאַנגווייליג, דער זאַקסישער גאָר־טען פֿערליערט דעם גאַנצען חן אין זיינע אויגען. נישטאָ וואָס צו טהון, נישטאָ מיט וועמען אַ וואָרט צו רעדען. אומעטיג. „אַ מעשה־פּלא" — טראַכט שייקער פֿאַר זיך, זיצענדיג אויף אַ באַנק מיט אַנ־גראָבנעלאָזטען קאָפּ. שטאַרק פֿערקלעהרט, — מ'קען זיך מיט אַ מענש שוין אַ צייט־לאַנג און מ'ווייס אַפילו נישט, וואו ער וואָהנט און וואו איהם צו געפֿינען! וואָלט איך האָטש געוואוסט, ווי ער הייסט אויפ'ן יידישען נאָמען, וואָלט איך איהם געקאָנט געפֿינען אין „אַדרעסנע סטאָל". ווער ווייס וויפֿיעל פֿאַמיליעס „שלימזל" עס זענען דאָ אין דעם גרויסען תהום וואַרשאַ?!"

סוף כל סוף איז ער יאָ אַריינגעגאַנגען אין „אַדרעסנע סטאָל". מ'האָט איהם טאַקי אויפ'ן צעטעל אויפֿגעשריבען עטליכע אַדרעסען פֿון „שלימזל'ס, נאָר אַ 27 יעהריגער צווישען זיי איז געווען נאָר איינער: נתן־נטע שלימזל אויף סמאָטשע גאַס נומר 00. און דאָס, האָט ער זיך שוין אַליין משער געווען, מוז זיין טאַקי ער, זיין חבר, שלימזל. —

געגאַנגען איז ער צו איהם איינמאָל און האָט איהם נישט געטראָפֿען, נאָר אויפֿצומאָרגענס האָט ער זיך געפֿעדערט, און אַ זייגער 9 אין דער פֿריה האָבען זיך שוין די צוויי חברים געפֿונען צו־זאַמען אין שלימזל'ס צימער. שלימזל איז געלעגען אויף זיין בעט, צוגעדעקט מיט אַ פּאַלטאָ, פֿון וועלכען די פֿיס האָבען אַרויס־געשטעקט ביז איבער די קנעכלעך, מיט צעשויבערטע האָהר, און

האָט געהאַט זעהר אַן'אומעטיג אויסזעהן, קענטיג, עפּיס אַ גרויסער פּערדרום האָט אָנגעפּילט זײַן האַרץ

– אַ זאָלסטו געשעדיגט װערען, שלימזל! – האָט איהם שײַקער געטינטערט – װאו ביזטו פערפאַלען געװאָרען אזעלכע לאַנגע יאָהרען?! כ'האָב שױן געמײנט דיך צו טרעפען אויף אַ שטריק אויפגעהאַנגען, אָדער אין בעט ליגען אַ פּער'פּט'טער!

– הלואי װאָלט אַזױ געװען... – האָט שלימזל גערעדט אונטער דער נאָז.

– געה שױן געה דו באָבע דו. װאָס קרימסט דו דיך? פּערציהל בעסער: װאָס איז געשעהן?

– װאָס איז געשעהן – גאָרנישט איז געשעהן: מ'האָט מיך נישט אַרײַנגעלאָזט אין זאַקסישען גאָרטען אַרײַן.

– װי הײַסט, מ'האָט דיך נישט אַרײַנגעלאָזט? װער האָט דיך נישט אַרײַנגעלאָזט און פאַר װאָס?

– פאַר װאָס? – פאַר גאָרנישט. מײַן קאַפּעלוש איז נישט געפעלען...

– אַ-האַ... אַ-זױ...

– גאָר פּשוט. איך קום צו, בעטראַכט ער מיך, דער װאָס שטעהט בײַ'ם טויער. קוקט מיך אָן פון קאָפּ ביז פיס, און פערשטעלט מיר דעם װעג – „װאָן!" װײל איך דאָך נישט געהן, הויב אָן צו מענ'ען „קאַק, צשטאָ", איך בין אַן'אינטעליגענט, איך... איך בין אַ לעהרער... װאָס טײַטש, מיך נישט אַרײַנלאָזען? קוקט ער מיך נאָך אַמאָל אָן מיט זײַנע נאַחאַלנע אויגען: „דער קאַפּעלוש איז בײַ דיר נישט אין אָרדנונג „בארין", און די קאַמאַשען זענען אויסגעקריכטס". ער „דו"צט מיך נאָך! אַזאַ נאַחאַל!

– נו...

– נו... האָב איך בוקא געװאָלט אַרײַנגעהן מיט געװאַלט, האָט מען מיך אָבגעפיהרט אין צערקול אַרײַן.

– נו...

— נו... ווענינ פאַר דיר? דאָס איז נאַרנישט?! געלייזט נאָך גוטע קלעפּ אין צערקיל! דיר שייקער, קאָן מען אָנשפּייען אין פנים אַריין. אַז אַ מענש האָט פערלאָרען יעדע אַכטונג צו זיך!... ערגער פון אַ בְּהֵמָה... טפו!

— וואָס איז ס׳געבייזער, שלימזל? ווילסט אויסלאָזען דיין כַּעַס צו מיר — מְהֵיכָא תֵּיתֵי! בייזער דיך...

— וואָס איז ס׳געבייזער?! וואָס בין איך, אַנ׳אויסוואורף פון דער מענשליכער געזעלשאַפט? אַ שנאָרער? איך האָרעווע נישט?

— מילאָ, געלאַסען! אַנאויסוואורף פון דער מענשליכער געזעלשאַפט ביזטו טאַקי נישט, נאָר האָרעווען, צווישען אונז געשמיעסט, האָרעוועסטו אויך נישט. לְמַאי גלאַט רעדען? וואָס האָבען מיר זיך צו שעמען, שלימזל? מיר זענען ביידע זעהר ענערגישע לייט, מען קאָן נישט זאָגען, וְהָא רַאֲיָה, אַז אַ קלאָג און אַ בראָך איז צו אונזער ביידענס לעבען.

— צוואָס ביזטו געקומען? — האָט זיך שלימזל אָנגעהויבען צו בייזערען אויף רעכט — ווער האָט דיך געשיקט רופען? אַ מענש טשעפּעט זיך צו...

שייקער האָט זיך אויך שוין געפונען בעליידיגט אויף רעכט, אין די רויטע אויגען זיינע האָבען זיך אַזש טרעהרען געשטעלט, ער האָט גענומען גלייך מאַכען דעם קאַפּעלוש אויפ׳ן קאָפּ, אַ סִימָן, אַז ער איז גרייט צו געהן. שלימזל׳ן אַ פּנים האָט זיך אויך נישט געוואָלט אָבברעכען מיט שייקער׳ן און ער האָט גענומען רעדען מיט אַנ׳אַנדער׳ן טאָן.

— קאָנסטו דיר דען פאָרשטעלען, וואָס דאָס איז פאַר אַ בעליידיגונג, וואָס דאָס איז פאַר אַנ׳ערנידערונג! גאָט דו מיינער, איך בין דאָך עפּיס אַ מענש מיט געהירען, מיט געדאַנקען, מיט געפיהלען. וואַרפט מען מיך אַרויס ווי אַ הונד אונטער דער טהיר! איך ברויך מיך נישט צו געפינען צווישען דער אַנשטענדיגער געזעלשאַפט! איך... איך וועל זיי בעשמוצען, נישט אַנריהרענדיג

אַפּילו אין זײ! איך האָב געװײנט פאַר כושה, מיט טרעהרען גע־װײנט, װי אַ קלײן קינד געװײנט.

שײקערס קאַפּעלוש האָט זיך צוריק פערדוקט אויף אַ זײט אַ סימן, אַז ער בלײבט. ער האָט זיך צוגעזעצט צו זײן חבר אויפ'ן בעט, און האָט איהם אויסגעמאָסטען מיט אַ ליעבליכען, צאַרטען בליק.

— װײסט, שלימזל, איך האָב נאָך דיר געבענגט, די גאַנצע צײט קײן אָרט זיך נישט געקאָנט געפינען. עפּעס האָסטו מיר געפעהלט.

— טאַקי? — האָט שלימזל איבערגעפּרעגט און האַלב זיך אויפגעזעצט אין בעט. אַ דאַרע אײנגעפאַלענע ברוסט האָט זיך אַרויסגעזעהן פון אונטער דעם ברודינגען העמד.

— װי דאַר דו ביזט, שלימזל! — האָט שײקער געזאָגט.

— און דו, מ'שטײנס געזאָגט, ביזט פון די גרויסע בריונים.

— דו היסט נאָך אַלץ?

— אַביסעל; און דו?

— אַזוי...

שלימזל האָט זיך אינגאַנצען אויפגעזעצט, שײקער האָט זיך נעהנטער צוגערוקט.

— גוט האָטש, מ'האָט אײן נאָהענטען מענש — האָט שײקער געזאָגט -- אָט האָב איך נאָך דיר געבענגט, האָב איך דאָך פאָרט עפּים אַ צוזאַמענהאַנג מיט אַ לעבעדיגען מענשען.

װאָס מײנסטו, שײקער? ס'איז נישט אַזוי?

— הער, שלימזל לאָמיר װערען גוטע־פרײנד; װאָס טויג מיר דאָרט די געשעפטען גיעב דײן לאַפּע!

שלימזל האָט שעמעדיג זיך װי אַ מעדעל, דערלאַנגט די האַנד, שײקער האָט צוגעבויגען זײן בלאַס פנים צו שלימזל'ס בלאַס פנים, צװײ רויטליכע נעז מיט צװײ פאָר רויטע אויגען מיט בלאַסע פּאַסען אונטער זײ, האָבען זיך בעגעגענט, און זײ האָבען זיך צוקושט.

אָט אַזוי האָבען שייקער און שלימזל צווישען זיך כורת־ברית געווען אויף גוט־פריינדשאַפט, און האָבען זיך ליעב ביז היינטיגען טאָג אַהבת־נפש, ווי אַ חתן־כלה, ווי אַ יונג פריש פּאָרפאָלק, וואָס שפּאָרצט מיט גליק און נחת איינער פאַר דער אַנדערער.

---

# II.

## אַ דריטע צום רימעל.

אויף צפון־זייט פון וואַרשאָ, באַלד אונטער די רוישענדיגע נאַלעווקיס, ציהען זיך ווייטע ברייטע לאָנקעס, דאָס איז דער ראַיאָן פון פעסטונג. די שטאָדט ווערט אויף דעם אָרט אָבגעריסען פלוצלונג, ווי מיט געוואַלד, און די הויכע פיעל־גאָרענדיגע הייזער קוקען אַרוים גלייך אויף די גרינע, נישט־בעבויטע און נישט בעזייהטע פלעצער. זעלטען זעהט מען דאָ אַ פוסגעהער, וואָס קעהרט אַראָב פון שאָסיי און זוכט אַ נעהנטערען וועג אין שטאָדט אַריין, אָדער אַ פערבלאָנדזשעטע פערד שפּאַצירט דורך פּאַמעליך, מיט אַן׳אַראָבגעלאָזטען קאָפּ און צופּט גראָז רוהיג און אונגעשטערט. פון מזרח־זייט זעהט מען נאָך די וואַלען פון פעסטונג, וואו זעלנער געהען אויף דער וואַך אַהין און צוריק. שטיל איז און רוהיג, און דאָס גערויש, וואָס טראָגט זיך צו פון דער שטאָדט, ציהט זיך איינטעניג אַזוי ווי דאָס גערויש פון אַ טייך.

דאָ איז אַ פערלאָזטע פרייע וועלט: אַ גרינע ערד פון אונטען און אַ ווייטער ברייטער הימעל פון אויבען, אַ חיות פאַר׳ן אויג און אַ דערקוויקונג פאַר די ברוסט אין די שווערע הייסע זומער־טעג׳ ווען די נאַלעווקיס קאָכען און זידען און שוויצען, און דאָס איינציגע דערפרישעניש איז דאָס לימאָנאַדע־וואַסער וואָס יודינעס פערקויפען אויף די גאַסען אין בודינע, מיט שווייס־בעפלעקטע גלעזער.

אָט דאָ האָבען זיך אונזערע העלדען, שייקער און שלימזל,

געפונען אַנ׳אָרט צו שפּאַצירען און אויסצורוהען זיך אין גראָז, פון קײנעם נישט געשטערט.

— וואָס מיר דער זאַקסישער גאָרטען דאָרט! דאָ זאָלסט דו געהן, און דאָ נישט, און דאָס זאָלסט דו נישט אָנריהרען און דאָ זאָלסט דו נישט טרעטען,— נישט פאַר אונזער ברודער! דאָס איז אַנ׳אָרט, פערשטעהסט דו מיך, פאַר די גענעלשאַפט, וואָס האָט ליעב אַלץ צו פערקלאַפּען, צו פערמאַכען און אָרומצוציִמען. אפילו שפּאַצירען קען זי געהן נאָר אין אַ שטײג, וואָס האָט טהירען און שומרים בײ די טהירען... אָט דאָ, שלימזל, איז אַנ׳אָרט פאַר אַזעלכע פּאַרשוינען ווי מיר. ליג און זײן אין פליק גראָז און מאַך קאָזשעלקעס, אויב דו ווילסט, מײן ליעבער, אַ פרײַע וועלט! ווי מײנסט דו?

אַזוי האָט פילאָזאָפירט שײקער, ליגענדיג נעבען זײן חבר אויסגעצויגען אויפ׳ן גראָז און קוקענדיג אויף מערב־זײט, וואו די פלאַמיגע זון האָט זיך אַראָבגעלאָזט, און וואו קלײנע וואָלקען, בעציהרט מיט פּורפּור, האָבען זיך פּאַמעליך געצויגען.

שלימזל אָבער האָט געקנײטשט דעם שטערן און געזאָגט:

— זאָג וואָס דו ווילסט, אַז איך דערמאַהן מיך אָן זאַקסישען גאָרטען, קאָכט אין מיר דאָס בלוט. נישט דעם זאַקסישען גאָרטען מײן איך, נאָר די חרפּה, די חרפּה! ווײסט דו, וואָס דאָס איז טײַטש אַ מענש אַרויסצוואַרפען!

און רעדענדיג אַזוי האָט ער געקוקט אויף זײן קאַפּעלוש, וואָס איז געלעגען אויף דער ערד, דער זעלבער צוקנײטשטער, אויסגעריבענער קאַפּעלוש, וואָס איז דעם פּאָליציאַנט אַזוי נישט געפעלען, אַז ער האָט איהם דעריבער נישט אַרײַנגעלאָזט אין גאָרטען.

— אַ נאַרישער צופאַל, זאָגסט דו? נײן! דאָס איז געווען אַ לעקציע פאַר מיך, אַ בעלעהרונג. נישט דער פּאָליציאַנט האָט מיך אַרויסגעוואָרפען, נאָר די געזעלשאַפט, זי האָט מיר געשיקט זאָגען:

דו ביזט אנ׳ארימער יודישער יונגערמאן, א שלעפער, וואס טויג צו גאר נישט; נישט אונזער גלייכען ביזט דו, און מיט אונז גערה נישט שפאצירען צוזאמען.

נו, שלימזל, העד אויף מיט דיינע רייד און שפיי, פאלג מיר, אויף די געזעלשאפט און אויף די אלע טרויעריגע פילאזאפיעס! אט זעהסט דו, דאס מיידעל איז היינט אויך געקומען ...

פון שאסיי האט טאקי אין דער זעלבער צייט זיך אראבגע־דרעהט אויף דער לאנקע און דערנעהנטערט זיך צו אונזערע חברים א פרויען־געשטאלט, דיזעלבע, קענטיג, וואס זיי האבען זי שוין עטליכע מאל בעמערקט דא שפאצירען פארנאכט, פון דער ווייטען האט געבלישטשעט א פעדער פון איהר הוט, און די בלוזע איז געוועזען ווייס, די פיגור הויך, און א שווארצער פאס האט ארומגע־גארטעלט איהר טאליע, און געגאנגען איז זי פאמעליך, בענאמען אין גאנצען מיט די שיעפע שטראהלען פון דער זון, — פון דער ווייטען גאר א שען בילד, וואס לאסקעט דאס אויג. זי איז אבער אנגעקומען נעהנטער און די ארימקייט האט גענומען פון איהר אראבקוקען, דער הוט — אלט, די בלוזע נישט זעהר געפאסט און נישט אזוי ריין ווייס ווי פריהער, און דער שווארצער פאס ערטער־ווייס אבגעריבען, דאס יונגע פנים — מאט, מיעד און קרענקליך, און דער בליק — דערשראקען, א מיידעל איז זי געוועזען גראד א שענע, פון א יאהר 20, מיט א שלאנקער פיגור, א דינער טאליע און העלע האר און העלע גרויסע אויגען, נאר, ווי עס זעהט אויס, פון דער נויט דערשלאגען, פעראַרימט און פערזארגט... מיט איין ווארט. א רעטעניש פאר אונזערע חברים און א פאסיגע געזעלשאפט דערצו.

שייקער האט זיך טאקע אנגערופען צו שלימזל׳ן און געזאגט.

— ווייסט וואס? מיר וועלען מיט איהר מאכען א בעקאנט־שאפט.

— פֿאַר וואָס נישט? — האָט שלימזל געברומט אונטער דעם נאָז.

— טאָ שטעה אויף, דערהויב־זשע דיך.

שלימזל אָבער, אַ שעמענדיגער און אַ צוריקגעהאַלטענער פֿון דער נאַטור, איז געבליבען ליגען אויפ׳ן אָרט, שײקער איז אַלײן אויפֿגעשפּרונגען פֿון אָרט, צוגעגאַנגען צו׳ם מײדעל און פֿערפֿיהרט מיט איהר אַ געשפּרעך אויפ׳ן וואַרשעווער אַרט:

— ערלויבען זי, פֿרײלײן, איהן צו פֿרעגען: זי וואוינען דאָ? איך זעה איהן אָפֿט שפּאַצירען.

דאָס מײדעל, אין אָנהײב אַביסעל דערשראָקען האָט זיך אײנגעקוקט אין שײקער׳ן, דערנאָך זיך בערוהיגט און געענטפֿערט:

— נײן, איך וואוין נישט דאָ. איך געה דאָ שפּאַצירען, שעפּען פֿרישע לופֿט.

— און איך געה אויך דאָ שפּאַצירען, איך און מײן חבר, דאָ איז אַנ׳עכט פֿערגעניגען, מיר שפּאַצירען דאָ יעדען טאָג עטליכע שעה.

— איך בעט איהן — האָט דאָס מײדעל געפֿרעגט — דאָ איז פֿרישע לופֿט? זי געהען אויך דאָ אויף פֿרישע לופֿט?

— נײן, — האָט שײקער געענטפֿערט מיט אַ שמײכעל — מיר שפּאַצירען, פֿרײלין; איך האָב זעהר זעהר־ליב צו שפּאַצירען, און מײן חבר אויך.

— גלאַט אַזוי שפּאַצירען... האָט זיך דאָס מײדעל געוואונדערט. עס האָט זיך אויסגעוויזען פֿון איהרע רײד, אַז זי איז ערשט נישט לאַנג אויפֿגעשטאַנען פֿון אַ קראַנק און אַז דער דאָקטאָר האָט זי געהײסען שעפּען פֿרישע לופֿט, שײקער האָט זי טאַקי געפֿרעגט:

— אַזוי, פֿרײלײן, זי זענען קראַנק געוועזען. און יעצט זענען זי שוין געזונד?

— יאָ, איך בין שוין באַלד אינגאַנצען געזונד.

נאָר איהר קורצער אָטהעם און אַ הוסט, וואָס האָט פּלוצלונג איבערגעהאַקט איהר די רייד, האָט עדות געזאָגט, אַז זי איז נישט אײַנגאַנצען געזונד.

– איך אַרבײט אין אַ מאַכאָק־פאַבריק – האָט זי זיך פערענטפערט פאַר איהר הוסטען – דער טאַבאַק שטיקט מיך. דער דאָקטאָר האָט מיר געהייסען אויפהערען דאָרט צו אַרבייטען. נאָר וויים איך? איך מיין, דאָס וועט דורכגעהן.

שייקער האָט אויף זי געקוקט מיט גרויס רחמנות, אָנשטאָט צו מאַכען אַ בעקאַנטשאַפט מיט אַ מיידעל און צו פערוויילען זיך האָט ער זיך אָנגעשלאָגען, ווי געוועהנליך אין לעבען, אויף אומגליק און נויט. ער האָט בעטראַכט מיט אַ טרויעריגען בליק איהר שען בלאַסליך פּנים, איהר שלאַנקע פיגור, וואָס די אָרימקייט האָט בעשמוצט און די קרענק האָט גענאָגט. און געטראַכט האָט ער: אַך, שוועסטער, דו ביסט געפעהרליך קראַנק, און דו ווייסט אַליין נישט, און די טאַבאַק־פאַבריק וועט דיין רעשט לעבען אויסנאָגען; אָט איז אַ פערוויילונג אין אַ געזעלשאַפט פאַר אַזעלכע מענשען ווי איך, און טראַכטענדיג אַזוי, איז ער אַנטשווינען געוואָרען.

דערוויייל איז אַנטקעגען געקומען שלימזל מיט אַ צושויבערטען קאָפּ (דעם קאַפעלוש האָט ער זיך געשעמט אָנצוטהון און האָט איהם געהאַלטען אין דער האַנד) שייקער האָט איהם פאָרגעשטעלט מיט אַלע צערעמאָניעס:

– מיין פריינד, נתן נטע שלימזל; פריילין... ווי איז איהר ווערטער נאָמען?

איך הייס פיינגאָלד, און אויפ׳ן יודישע נאָמען – מאַניע.

שלימזל׳ס פיגור, זיין גאַנג און זיין צושויבערטער קאָפּ האָבען דאָס מיידעל אויף דאָס ניי געשראָקען, נאָר שייקער, וואָס איז געוועזען אַ געשיקטער יונג צו פערשטעהן אַ בליק, האָט דאָס באַלד בעמערקט און האָט געזאָגט מיט אַ געלעכטער:

– שרעקען זי זיך נישט פאַר אונז, פריילין מאַניע. מיר

ויעלען איהן, חלילה, קיין שום שלעכטס נישט טהון, מיר זענען ארענטליכע מענשען, ווי זי זעהען אונז...

— גאנץ ארענטליכע מענשען, — האט שלימזל מסכים געווען און דערלאנגט דעם מיידעל די האנד.

און מען האט שפאצירט אין דרייען.

אין מיטען איז געגאנגען פרייליין מאניע, פון דער רעכטער זייט שייקער, פון דער לינקער — שלימזל, האלטענדיג דעם קאפעלוש אין דער האנד און פאכענדיג מיט איהם אין דער לופט גאר וואוילער־יונגעריש, כדי צוגעבען זיך מוט.

די זון איז אונטערגעגאנגען, און אויף מערב זייט האט זיך אויסגעמאלט א בילד מיט אלערליי קאלירען, מיט רויט בעשפריצט, מיט בלאסע איידעלע גאלד־פארבען געצירט, דורכגעוועבט מיט ראזע און טונקעל־בלאהע שנירען און געפלעקט מיט שווארצע שטיקער וואלקען... שייקער איז געגאנגען טרויעריג, מיט א שווער געמיטה, דערפאר איז שלימזל געווען פרעהליך, אמוזירענדיג זיך ווי אם בעסטען מיט דער נייער בעקאנטער.

אט אזוי האבען אונזערע חברים געמאכט א בעקאנטשאפט מיט א מיידעל פון א טאבאק־פאבריק, א בעקאנטשאפט, וואס האט זיי ארויפגעפיהרט אויף נייע געדאנקען ווי דאס וועט שפעטער ווערען בעשריבען.

ערשט ווען די שטאדט ווארשע האט שוין אין גאנצען גע־בלישצעט מיט לאמטערען און אויפ'ן פעלד איז שוין געווען פינסטער, האבען זיי דאס מיידעל אבגעפיהרט אהיים, אויף די גאניפראטען, וואו זי האט געוואוינט אין א קעלער־שטוב, גע־זעגענענדיג זיך מיט איהר ווי מיט אנ'אלטען גוטען פריינד, דער־נאך האט שייקער אהיים געבעטען שלימזל'ן צו זיך אויף טיי און מען האט גערעדט וועגען דער נייער בעקאנטשאפט, דא האט זיך ארויסגעוויזען, אז שלימזל איז גאר אין גאנצען ענטציקט פון מאניע'ן, פערליעבט, קאן מען זאגען, אין איין מאל.

— אבער וואס זאגסט דו צו דעם מיידעל! — האט ער געטענה'ט — דאס איז דאך א שענהייט, א שענהייט! ביזט א טבין אויף איהרע אויגען! — יאן אזא פראסטע און אזא הארציגע! זי איז מיר טויזענד מאל ליעבער ווי די אלע בורזשואקעס מיט די פערקעמטע האהר. און קלוג איז זי, איך זאג דיר, זי איז גאנץ קלוג, או דו פערשטעהסט נישט . . .

פאר וואס פערשטעה איך נישט, שלימזל? איך פערשטעה, אוי, גוטער ברודער, פערשטעה איך, איך פערשטעה נאך צו פיעל, — האט זיך שייקער געוויצעלט.

— און איך קאן דיינע הכמות ניט ליידען, — האט זיך שלימזל אנגעהויבען צו בייזערן. א ווארט צו א ווארט און ער איז שוין גרייט געוועזען צו לאזען שטעהן דעם טיי אויפ'ן טיש, צוהאקען די מהיר און צו אנטלויפען, ווען נישט שייקער זאל בייצייטענס שטילען זיין בעס מיט גוטע רעד און מיט פראיעקטען וועגען דער צוקונפט:

— ווינטער — האט ער געזאגט — וועט זיין נאר אנ'אנדער לעבען. דו וועסט בעקומען לעקציעס און איך וועל מיר נעהמען אויף פעסט צום עקזאמען. נישט קשה, מיר וועלען נאך ווערען מענשען אין מען וועט זוכען א תכלית, נאר נישט געזארגט, מיין ליעבער, און נישט בייזערן זיך. צו וואס זארגען, או מען קאן פרעהליך זיין און צו וואס בייזערן זיך, או מען קאן גוט זיין?

אזוי האט מען זיך דורכגעשמועסט און פילאזאפירט א גאנצע נאכט ביי שייקערן אין צימער. ערשט ווען דער פריהמארגען איז אויפגעגאנגען, און א העלקייט האט געפלאסען פון מזרח־זייט און צוגאסען זיך איבער'ן הימעל — האבען זיך די הברים דערלאנגט די הענד און געוואונשען איינער דעם אנדערען א גוטע נאכט. שלימזל איז א היים געגאנגען שלאפען אויף זיין וואוינונג אויף שמאטשע גאס, ברומענדיג לוסטיג א ליעדעל און פול מיט שענע האפנונגען, ווי דער אויפגעהענדיגער טאג!

פערקעהרט, שייקער איז געבליבען אליין אין זיין צימער, און איהם איז געוועזען טרויעריג אויף דער נשמה.

---

## III.

## נעהנטערע בעקאנטשאפט מיט א שכן.

עטליכע טעג נאכאנאנד זענען געווען המורנע וועטערן. אדער עס האט געגאסען א שלאקס-רעגען מיט דונערן און בליצען, אדער עס האט געקאפעט און געטריפט אהן אנ׳אויפהער, אדער גאר די וואלקען האבען זיך גלאט אזוי צולעגט איבער׳ן הימעל, ניט גערירט זיך פון ארט, אפנים זיי זענען איינגעשלאפען. אין מיטען בעסטען זומער איז געווארען קאלטליך און נאס און טרויעריג. אונזערע חברים זענען דעריבער געזעסען אין דער היים.

שייקער האט זיך אויפגעהויבען אין דער פריה, אבגעטהון א שטיקעל ארבייט פון זשאנדצעריי, איינגעשריבען אין די ביכער, וועך עס האט זיך אריינגעצויגען אין הויז און ווער ארויס; דערנאך עפעס געלייענט, דערנאך געקאכט טיי, אראב אויף דער גאס און באלד ווידער צוריקגעקומען, ארומגעדרעהט זיך אין צימער ארויף און אראב און ווידער געלייענט... און צום סוף האט ער זיך אויסגעצויגען אויף זיין בעט אין דער גאנצער לענג, אונטערגעלעגט בײדע הענד אונטער׳ן קאפ און געלעגען-זיך רוהיג מיט א מינע פון א מענשען, וואס האט דאס זייניגע שוין אבגעטהון אויף דער וועלט, וואס האט קיין איינציגע זארג נישט אין קאפ, קיין איינציגען פלעק נישט אויפ׳ן געוויסען.

שטיל און רוהיג. די צייט געהט. עפעס טראגען זיך געדאנקען אין זיין קאפ, עפים פליסט בלוט אין זיינע אדערן, עפעס בעוועגט זיך זיין הארץ, — אלץ דאס טהוט זיך אליין. נישט ער, שייקער,

טראַכט, פּונקט ווי נישט ער הייסט זיין בלוט פליסען און זיין הארץ שלאָגען. זיין דאגה!

נאָר אָט האָט זיך אין צימער דערהערט אַ דראַפּעריי פון מייזעלע פיסלעך, — אַ בעקאַנט געריש. וואָס האָט גאַנץ אָפּט נעשטערט שייקער׳ן דעם שלאָף ביי נאַכט. מיט האַלב-פערמאַכטע אויגען האָט ער געקוקט צום טיש, וואָס איז געווען בעלעגט מיט ביכער און וואו נישט-דערעסענע שטיקלעך ברויט, ברעקלעך צוקער האָבען זיך געפונען. ער האָט טאַקי באַלד דערזעהן די בריאָה, וואָס איז איהם גוט בעקאַנט געווען פון איהר געריש, צו וועלכען ער האָט אין האַרצען געטראָגען געפיהלען, אמת, נישט זעהר סימפּאַטישע, און וואָס ער האָט אַלץ נישט געקאָנט זעהן. אַ קליין שוואַרץ געשיקט בעשעפעניש מיט גלאַנצעדיגע אויגען, מיט אַ רונטער געפאַלענע איבערגעשראָקענע אויערן איז געשטאַנען אונטער אַ בוך און דאָרט עפּיס געמייסטערעוועט מיט אַ שטיקעל ברויט.

אין אָנהויב האָט זי דאָס געמאַכט נישט דרייסט, דאָס מייזעל האָט זיך אָבגערוהט, גוט אויפגעהאָרכט, די פינקעלדיגע אויגען האָבען געקוקט אַהין צו שייקער׳ן, פאַרשטענדיג צי ער איז וואַך, אָדער ער שלאָפט גאָר, קענטיג, האָט זיך אין זיין קליינעם מוח׳ל אויסגעאַרבייט אַנ׳איבערצייגונג, אַז דער שונא שלאָפט, און עס האָט זיך גענומען נרייזען דאָס ברויט גאַנץ רוהיג, דרעהענדיג מיט דעם לאַנגען עק פאַר תענוג. די סעודה האָט איהם געשמעקט.

שייקער איז געלעגען רוהיג, און זיינע האַלבע-פערמאַכטע אויגען האָבען זיך גוט-גוט איינגעקוקט. ער איז צופרידען געווען זיך צו בעקענען מיט אַזאַ נאָהענטען שכן. בחנם איז ער אויף איהם אַזוי בייז געווען! פּונקט טאַקי ווי דאָס קליינע בעשעפעניש וואָלט נישט האָבען מעהר צו טהון אויף דער וועלט, ווי נאָר צו שטערען איהם זיין שלאָף!

„נו, ליעבע מיינע, האָט ער געטראַכט — דו ביזט גאָר נישט אַזוי מאוס, ווי מען זאָגט; און לעבען ווילסט דו און עסען

עסט די גאנץ רוהיג און מיך ווייסט דו אויסנארען, ווארט, מיר וועלען מאכען א נעהנטערע בעקאנטשאפט. דאך בין איך עפיס א מענש, און דו — א קליין דערשראקען היה׳לע...

אזוי טראכטענדיג, האט ער ארויסגעצויגען פון דער האנד, אויסען ארבעל ארויס, א מאנזשעט — צווישען אונז גערעדט, נישט קיין שפאגעל ווייסען - געזעצט זיך אויפ׳ן בעט שטיל ווי נאר מעגליך, און מיט איין מאך איז דאס מייזעל געווען געפאנגען, ארומגערינגעלט פון אלע זייטען מיט א ווייסער מויער, בעדעקט פון אויבען מיט א מענשליכער האנד, און קיין איין שפארע צו אנט־לויפען, קיין איין לאך, וואו זיך צו ראטעווען!

צוטומעלט פון דעם אומגערילטען אומגליק, האט דאס מייזעל אנגעהויבען צו לויפען אינווענינ, אין מאנזשעט, ארום און ארום, דערנאך גענומען קלעטערן אויף דער וואנד פון איהר גע־פענגעניש, נאר צוקומענדיג צו דער האנד, קוים האט עס דער־שפירט די ווארימקייט פון מענשליך לעבעדיג, פלייש־און־ביינער איז אויף איהר אנגעפאלען אנ׳אונגעהויער שרעק, און איז מיעד צוריק אראבגעפאלען און ווידער זיך גענומען דרעהען ארום און ארום, דעמאלט האט שייקער אבגערוקט אביסעל די האנד און אנ־געקוקט זיין געפאנגענעם שכן. דעם מייזעל האט דער בליק נאך מעהר נעשראקען ווי אלץ, אהן מוט האט עס נאך געפרובט צו דערקלעטערן ביז צו׳ם אפענעם ארט, נאר איין ריהר פון שייקער׳ס מענשליכען פינגער איז גענוג געווען איינצוהאלטען עס אין גע־פענגעניש.

ערשט א גליקליכער צופאל האט בעפרייט דאס ארימע בע־שעפעניש פון זיין נויט. שלימזל איז אנגעקומען צו זיין חבר, האט אנגעקלאפט אן דער טהיר, און אז שייקער האט זיך אויס־געדרעהט, האט דאס מייזעל דערווייל איבערגעקעהרט דעם מאנזשעט און געמאכט פליטה.

— וואס ביזט דו אזוי צוטראגען? — האט שלימזל גע־

פרענט, דערקענענדיג אין זיין חבר'ס פּנים, אז דאָ איז עפּיס געשעהן.

— איך... איך האָב שטודירט זאָלאָגיע, זאָאָלאָגיע האָב איך שטודירט — האָט שייקער גיך געענטפערט — און פונקט מוזט די דאָ אריינקומען אין דערמיט אַלין קאָליע מאַכען!

שלימזמול האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר פערוואונדערטע אויגען.

— איך פערשטעה נישט — האָט ער גערעדט ערנסט — דו ווערסט מאַקי משוגע? איך האָב דיר שוין לאַנג געזאָגט; אז אַ מענש דרעדט זיך אַרום ליידיג, פוסט און פאַס, און האָט אין קאָפּ אַנ'אַנאַרחיע, און גאָר נישט גערעדט איהם אָן...

— נו נו — מוכר!... האָט שייקער געשאָקעלט מיט ביידע הענד — לאָז געמאַך! משוגע בין איך נישט. און זאָאָלאָגיע האָב איך שטודירט, און ווי דו ווייסט.

און ער האָט איהם דערצעהלט די מעשה מיט'ן מייזעל.

אויף מיין עהרען וואָרט — האָט שלימזמול מיט איהם געטענה'ט אין גוטען, אויף מיין עהרען וואָרט, איך פערשטעה דיך נישט: ווי איז אַ מענש אַזוי לייכטזיניג! זיצט אין דער היים. חאַפּט מייזלעך, אינטערעסירט זיך מיט גאָרנישט!

שייקער האָט געוואָרפען אויף זיין חבר אַ פאַרשענדיגען בליק און געפרעגט:

— אַ שכיינער, מיט וואָס זאָל איך מיך דען פעראינ-טערעסירען?

— פאַר וואָס, למשל אינטערעסירט דיך גאָרנישט אוא מיידעל ווי מאַניע, למשל? זי איז אַן אָרים מיידעל, אַרבייט אַ גאַנצען טאָג אין דער פאַבריק, מוטשעט זיך נעביך שרעקליך, און איז אַ שוואַכע, דאַרף זיך אויסרוהען...

— אמת — האָט שייקער געענטפערט ערנסט — זי איז קראַנק.

— קראַנק... האָט שלימזל אונטערגעבראָכן שטיל, און אין זײַן טאָן איז נישט געווען צו דערקענען, צי פרעגט ער דאָס, אָדער זאָגט ער עס מיט אַ פּרעטענזיע, אָדער צי איז דאָס גלאַט אַזוי אַ זיפץ און אַן'אויסדרוק פון זײַן בעדויערן.

— נו זאָג אַליין — האָט ער גערעדט מיט צוטרוי צו זײַן חבר — איז זי נישט קיין וואויל מיידעל? אַ שיינע און אַ ליבע, און אַ גאָלדענע הארץ האָט זי — טרויעריג! פאַר וואָס זאָל זיך אַזאַ מיידעל מוזען מוטשען; אַ גאַנצען טאָג אָהן אויפהער אין אוועקגעבען איהר שענקייט, איהר יוגענד...

— דאָס ביזט דו גראָד גערעכט. נישט נאָר איהר שענקייט און יוגענד, נאָר אויך איהר געזונד און איהר לעבען פטר'ט זי דאָרט אין פאַבריק. איך האָב וועגען דעם געטראַכט.

— געטראַכט און יוצא געווען! האָט שלימזל געשריען — ווייסט וואָס איך וועל טהון: איך וועל זי הייסען אויפהערען דאָרט צו אַרבייטען.

— נאָר זי מוז דאָך פערדיענען אויף'ן לעבען.

— זאָרג נישט, איך וועל מיר שוין אַן'עצה געבען. ווייסט זעהן. און אויב עס וועט נישט זײַן קיין געלד, וועל איך אַליין גיהן אין פאַבריק אַרבייטען. וואָס מיינסט דו: איך קאָן נישט, איך טויג נישט צו אַרבייטען אין אַ פאַבריק! וואָס איז?

— גאָרנישט איז — האָט שייקער געענטפערט רוהיג — נישט ערגער ווי געבען לעקציעס אָדער פיהרען אַ זשאַנדצערײַ, און פיעל אינטערעסאַנטער איז עס, מען איז צווישען מענשען, מען פיהלט זיך איינער פון פיעל... איך האָב שוין וועגען דעם געטראַכט.

— וועגען אַלעם האָט ער געטראַכט! וואָס קומט אַרויס פון טראַכטען?

— הערסט דו! דאָס איז דאָך די מעשה, שלימזל! איך זאָג דיר, איך בין אַ געבוירענער פילאָזאָף, אָט דאָס בין איך! אַ פילאָזאָף, און היינט בין איך געוואָרען אַ נאַטור־פאָרשער אויך, אַ זאָאָלאָג.

— העֶר אויף מיט דײַנע וויצען, איך בעט דיך — האָט שלימזל געזאָגט.

— נו גוט, וואָס האָסט דו דען בדעה צו טהון? צו אַלדע שוואַרץ יאָהר, עס רעגענט און רעגענט אָהן אויפהערען!

דאָך, נישט קוקענדיג אויפ׳ן רעגען, זענען די חברים אַרויס אויף דער גאַס.

.IV

אויבען, אויף דעם שמאָלען פאַס הימעל איבער דער פראַנציסקאַנער גאַס, איז וואָלקענדיג און אומעטיג. ס׳ליגט אָנ־געוואָרפען עפּעס אַ געגליווערטע מאַסע פון אַן אָבגעניצטער פאַרב, וואָס וויל גאָר נישט זאָגען און לאָזט זיך גאָר נישט הערען, פּײַדען נאָר די אַלטע חכמה פון קהלת, אז הכל הבל: די זון געהט אויף און געהט אונטער און געהט אויף דרום און פער־קערעוועט אויף צפון, און אַזוי יעדען טאָג, יעדעס יאָהר, אָהן אַ סוף און אָהן אַן עק. לאַנגווײַליגע, נאַרישע טראָפּען־רעגען פאַלען און פאַלען, די לופט איז נעבעלדיג. אַ פּנים דער זומער האָט זיך פערקיהלט און ליגט אין אָהנמאַכט. אונטען אָבער, אויף דער פראַנציסקאַנער גאַס, סײַ אויף די טראָטוארען, סײַ אין מיטען גאַס, איז אַ רעש און אַ געפילדער און אַ געלויפערײַ, און ייִדען ווישען מיט רויטע פאַטשײַלעס די נעקנײַטשטע שטערענס, וואָס שוויצען אין אַ רעגען־וועטער פּונקט אַזוי ווי אין דער גרעסטער היץ. דער שאַרפער ריח פון לעדער זעצט אַרויס פון טהירען און טהויערען, קריכט אַרײַן דעם מענש אין אַלע זײַנע חושים, און איז אַזוי ווי די פינסטערניש פון מצרים, וואָס מען האָט געקענט אָנ־טאַפּען מיט די הענד. דאָרט וואו ס׳שנײַדט זיך וואָלעוער־גאַס, מישט זיך נאָך צו אַ ריח פון אַלטוואַרג און פון דער באָניפראַטען־גאַס

טראגט דער ווינד א הער ריחות פון טאבאק. שווערע לאסט-וועגען, מיט לעדער געפאקט, קלאפען אין מיטען גאס ייִדען אין לאנגע ציצענע כאלאטלעך, מיט בעוואקסענע, האָריגע פנים'ער און מיט ארויסגעזעצטע אויגען, האנדלען און וואנדלען און לויפען, לויפען; אט האבען זיך צוויי אנגעשטויסען איינער אן אנדערען און זיך אנגעקוקט מיט שטומפזיניגע בליקען, ווי א פאר משוגעים, און געמאכט עפעס א מאָדנע תנועה מיט דער האנד, יעדער אין זיין זייט, און זיך געלאזט ווייטער לויפען. און אט איז א יונגערמאן, א בלאסער, מיט פערשאָרענע פאות, אין א סאמעטען היטעל, דאס בערדעל הויבט ערשט אן צו שפראצען. — קענטיג, נישט לאנג ארויב פון קעסט און געקומען דאס ערשטע מאל קיין ווארשא זוכען א מסחר. ער געדט פאמעליך און זיינע פערטראכטע, האלב-מיסטישע אויגען בלאנזשען אין זוכען עפעס. און די גאס רוישט, שטופט איהם פון רעכטס אויף לינקס און צוריק, אזוי ווי א טייך א שפענדל, דער היטעל קאפעט און ס'דולט זיך, אז ער גייט אויף א בוידעם ליגט בעהאלטען קהלת, שטעקט ארויס דורך א לאך זיין אלט געריגצעלט פנים מיט די קאלטע שמייכעלדיגע אויגען, און קוקט אראב אויף דער פראנציסקאנער גאס, און לאכט און שטעקט ארויס די צונג און זאגט זיין אלטען שפרוך: הכל הבל.

שייקער מיט שלימזל'ן געהען זיך דורך איבער דער גאס, שייקער פיהרט שלימזל'ן אונטערן אָרעם, און זיי שפאצירען פאמעליך, און שמועסען, און רעדען פערטרויעטע רעד אין פערשטעהען זיך אויף'ן וואונק, אזוי ווי א פערליעבט פאר-פאלק. די גאס רוישט און קלאפט — זאל זי רוישען און קלאפען! האט שייקער פערהערט א ווארט, שאדט אויך ניט; גענוג, ער זאל זיך איינקוקען אין שלימזל'ס פנים און ער זאל בעטראכטען, ווי עס ריהרען זיך זיינע ליפען, און ער האט שוין אלץ אזוי גוט ווי געהערט און גאר גוט פערשטאנען; האט שלימזל נישט דערהערט א פראזע, קוקט ער זיין חבר אין די אויגען אריין, און פערשטעהט שוין גענוי. נאר די פערקאכטע ייִדען,

וואָס שטויסען זיי אַלע ווײַלע פֿון פֿאָרענט און פֿון הינטען ברענגען שלימזל אַרײַן אין כעס, און ער בײזערט זיך.

– ווילדע מענשען, פֿאַנאַטישע ברואים! ווי זיי לויפֿען דאָס!

– בײזער דיך נישט שלימזל. די דאָזיגע ווילדע ברואים טראָגען עפּעס אַ זאַך, ווי דו זעהסט זיי: פֿערזאָרגען די וועלט מיט לעדער. און קאַמאַשען, ברודער, ווילסטו דאָך טראָגען, און דוקא גאַנצע – ענטפֿערט דערויף שײַקער.

און ער רעדט ווײַטער:

– ווייסטו דו, וואָס איך וועל דיר זאָגען: איך בין זיי מְקַנֵא, די דאָזיגע ווילדע בעשעפֿעניצען. זיי האַנדלען מיט אַזאַ חשק, מיט לײַב און לעבען, אַ שטײַגער, ווי אין די לעדער זאָל ליגען דער זין פֿון לעבען בעהאַלטען. וואָס נאָך דאַרף אַ מענש צום גליק, ווי צו מהון עפּעס מיט לײַב און לעבען? בין איך געריכט שלימזל?

אזויאַטען זענען דאָס. איך קען זיי ניט לײַדען. טפֿוי!

– שפּײַען דאַרף מען נישט, שלימזל, דאָס, זעהסט דו, נע-פֿעלט מיר גראָד נישט. דאָס זענען מענשען, און אַ מענש, מײַן ליעבער, איז די שענסטע און קליגסטע חַיָה אויף דער וועלט, דאָס געפּײַניגסטע און ליידענדסטע פֿון אַלע בעשעפֿענישען. דאָס זאָג איך דיר, שײַקער.

אַזוי פֿילאָזאָפֿירען זיך דורך אונזערע חברים און פֿערקערעװען זיך אין אַ געסיל אַרײַן.

וואו אהין געהען מיר אײַגענטליך? – פֿרעגט שײַקער.

– מיר געהען... פֿערשטעהסט דו מיך, דאָ איז פֿאַראַן אַ קאַוויאַרניע, קען מען דאָרט אַרײַנגעהן.

– צו וואָס?

– פֿערשטעהסט דו... אַזוי זיצען... איך דאַרף דאָרט גאָר נישט... מאַניע קומט דאָרט אַהין.

א-זוי! – זאָגט שײַקער – און איך האָב נישט געוואוסט, וואו דו פֿירסט מיך! וואָס איז זיך דאָ צו שעהמען? פֿערליעבט איז

פערליעבט. אפשר וועל איך דיר שטערען, און דו וועסט אפשר אליין אריינגעהן אהן מיר?

– דו הויבסט שוין אן מיט דיינע וויצען! איך קען דיר בעווייזען, אז דו האסט א טעות. מ׳קען נישט אריינגעהן. אויב דו ווילסט נישט, נישט מעהר, מיר זענען שוין דא, לאמיר אריינגעהן.

– לאמיר אריינגעהן.

ארויפהויבענדיג זיך אויף דריי טרעפלעך, האבען אונזערע חברים געעפענט א שויבען־טהיר, וואס איהרע שויבען זענען נישט געוועזען פיעל דורכזיכטיגער און קלארער פון דעם הימעל, וואס איבער דער פראנציסקאנער־גאס; דערנאך איז אויסגעקומען אראבשפרינגען פון איין טרעפעל, און מיט איינמאל האט דער שארפער ריח פון לעדער אבגעטראטען, און אנשטאט איהם האט זיי ארומגענומען דער ווארימער און ווייכליכער ריח פון פארע און פון שוויצינע ווענד. א האלב פון דעם צימער איז געווען אבגעצוימט מיט א שפאניש ווענדל. דארט האט געקאכט דער קעסעל און פון דארט האט זיך געטראגען די פארע איבער דער גאנצער שטוב. אין דער אנדערער העלפט זענען געשטאנען קליינע טישלעך און בענקלעך, א בופעט מיט אלערליי זיסע געבעקס, וואס האבען געקענט דערקוויקען נישט בלויז מענשען, נאר – און אפשר טאקי נאך מעהר – די גאנצע מחנות פליעגען, וואס האבען זיי בעלייגט און ארומגעפלויגען איבער זיי מיט א פרעהליכען גערויש. א חוץ דער ערשטער שטוב איז געווען נאך א צווייטע, א קליינע און א פינסטערע, וואו ביי טאג האט געברענט א לאמפ. דארט זענען טיילוויז געשטאנען, טיילוויז געזעסען ביי טישלעך, יונגע לייט, יונגע מיידלעך און האבען גערעדט פערקאכט. ס׳איז באלד קענטיג געוועזען, אז זיי אלע געהערען צו איין קאמפאניע. שייקער מיט שליממזול׳ן האבען זיך געזעצט ביי א טישעל און געהייסען זיך געבען טהיי.

אין אנהויב האבען די יונגע לייט און די מיידלעך נישט

בעמערקט גאָר די אַריינגעקומענע. אונזערע חברים האָבען זיך אויך וועניג געקימערט, ווער דאָ געפינט זיך, און וואָס מען רעדט דאָ אַזוי היטציג. שלימזל, וואָס האָט זיך נישט געקענט דערוואַרטען אויף מאַניע׳ס קומען, איז געזעסען פערטראַכט. שייקער ווידער האָט אַרומגעקוקט צום ערשטען די וואַנד און האָט געפינען אויפגעהאַנגען אַ בילד, אויף וועלכען דער גאַנצער גורל פון מענשליכען זינדיגען לעבען איז געווען אויסגעריסעוועט: פון איין זייט, גאָר נידריג, איז געווען אויסגעמאָהלט אַ קינד, העכער — אַ יידיש יינגעל, געזונד און פריש, נאָך העכער — אַ יונגערמאַן, אין סאַמען מיטען, העכער פאַר אַלע, אַ מאַן פון אַ יאָהר פערציג, שטייף און שטאַרק; פון דער צווייטער זייט האָט זיך אָנגעהויבען דער אַראָבגאַנג: די זעלבע פיגור איז געוואָרען גראָער און עלטער און איינגעבויגענער, און גאָר אונטען איז געשטאַנען אַ גריי־גראָער נייַנציגער, איינגעהויקערט, אַ שוואַכינקער, אָנגעלעהנט אויף אַ שטעקען. דאָס דאָזיגע בילד, מיט שלעכטע פאַרבען געדרוקט, און איצט נאָך דערצו שטאַרק בעשעדינט פון די פליעגען, וואָס האָבען עס צוגעריסעוועט מיט פיעל שוואַרצע פינטעלעך, האָט, זינט עס העננגט דאָ, שוין פיעל זיפצען אַרויסגעריסען פון יידישע הערצער. אַ ייד, למשל, לויפט אַזוי אַרום אַ גאַנצען זומער־טאָג אויף דער גאַס, מאַכט נישט קיין נעשעפט, אויף אַ וועקסעלע קען מען נישט קריגען, און די פיס ברעכען, דאָס האַרץ חלש׳ט, — לויפט ער אַריין אין דער קאַוויאַרניע, הייסט זיך געבען אַ גלאָז טהיי, וואַשט זיך די הענד צו אַ פאָר זעמיל און עסט און קוקט אויף דעם בילד און כאַפּט זיך, אַז ער האָט שוין גראָע האָהר, און דערמאָהנט זיך, וויפיעל יאָהרען ס׳איז שוין נאָך זיין חתונה, וויפיעל ער האָט שוין אָבגעהאָרעוועט אויף דער וועלט און וויפיעל, משטיינסגעזאָגט, ער האָט נאָך צו האָרעווען... זיפצט ער אָב טיעף, ווי יום־כפור ביי׳ם דאַווענען. אַ יונגער מאַן איז געווען ביי רבי׳ן פון גער צוויי וואָכען און פאָהרט אַ היים, און בעקומט הרהורי־תשובה, קוקענדיג אויף

דעם בילד... אין דער לעצטער צייט אבער, נאך נישט קיין גאנץ יאהר אריבער, האט דאס בילד פערלארען זיין מאכט. אנדערע געסט האבען זיך גענומען דא ווייזען, וואס זיי איז פרעמד אי קהלת׳ שפרונג, אי די הרהורי׳ תשובה. געסט, וואס פערשטעהען נישט קיין זיפצען פון א צובראכען הארץ, און נישט דאס היזק געלעכטער פון א דערשלאגען געמיטה. א נייע דור איז אויפגעשטאנען מיט טאראנע פייערדיגע, בייזע בליקען... דאס בילד איז זיך געהאנגען אויף דער וואנד, און די פליעגען האבען עס בעפינטעלט, און קיינער האט עס נישט בעמערקט. א מערכה. שייקער איז איצט אריינגעקומען און האט געשאנקען דעם אלטען מיוחס א ביסעל אויפמערקזאמקייט.

דערנאך האט שייקער גענומען בעטראכטען די מענשען ארום. און א נאטור האט שייקער געהאט, אז ווען ער האט אויפגעהויבען די אויגען אויף עמיצען, האט ער זיי אזוי גיך נישט אראבגעלאזט. ער האט הנאה געהאט צו קוקען אויף א מענשען און בעטראכטען איהם פאמעליך, ווי עפעס אנ׳אויסלענדישע זאך, וואס מ׳האלט אין דער האנד און מ׳בעקוקט זי פון אלע זייטען. אזוי האט ער אויסגעמאסטען מיט זיינע בליקען אלע אנוועזענדע, איינעם נאכ׳ן אנדערען, ביז מ׳האט גענומען קוקען אויף איהם מיט שלימזל׳ן מיט פערדאכט, און דער עולם האט זיך גענומען סוד׳ען אין דער שטיל.

„א שפיאן!"

און איינער פון די ארבייטער, א געזונדטער יונג מיט פיעל בלעזלעך אויפ׳ן פנים, וואס האט בטבע נישט געקענט רעדען שטיל, האט געפרעגט מיט א באס־שטימע, וועלכע שייקער האט דערהערט ביי זיין טישעל:

— חברים! צי האט ווער א „שפייער"?

— שלימזל! דו ווייסט, וואס זיי זענען אונז חושד, אט די ארבייטער דיינע!

— וואס עפעס מיינע? איך בין פונקט אזא מחותן מיט זיי, ווי דו.

— אָבער וואָס זאָגסט דו צו דעם! זיי האַלטען דאָך אונז פאַר שפּיאָנען. הא? געטראָפען דאָס אָרט. וואָס וועסט דו אַ שטיינער אַזוי טהון, אַז מ'וועט דיר אַרײַנלאָזען אַ קויל אין האַרצען. אַ יושר, ברודער, אָבצוזאָגען וידוי און געזעגענען זיך מיט דער נאַרישער וועלט.

און ווי זיי האָבען אַזוי גערעדט, האָט מען זיך פון יענער זייט אַלץ מעהר נע'סודעט און געוואָרפען בליקען. שלימזל האָט זיך נישט אויף קאַטאָוועס גענומען שרעקען.

וואו איז דיין מאַניע? — האָט איהם שייקער נאָך געגעסען די נאַל,

— איך האָב מורא, זי וועט ניט קומען היינט. ווייסט וואָס שייקער, מיר וועלען געהן.

— ניין! דאָס — נישט! איינמאָל, מיר וועלען נאָך ערגער אָבּ־שנײַדען; צווייטענס לאָמיך אָקאָרשט זעהן, וואָס פון דעם וועט אַרויסקו־מען. אַרײַנגעפאַלען, ברודער, טאָ ליג און האַלט אויס ביז צום סוף.

דערווייל איז אָנגעקומען אַ מיידעל, אַ שוואַרץ־חנ'עווריג בע־שעפעניש מיט געשיקטע, קלוגע אויגען, אַ פלינקע און אַ ריה־רעווודיגע. מ'האָט איהר דערצעהלט דעם סוד. זי האָט נישט לאַנג געקלעהרט, האָט מיט־גענומען מיט זיך איינעם פון די יונגעלייט און צו געגאַנגען צו אונזערע חברים.

— דו האַלט דיך שטיף, שלימזל — האָט שייקער געזאָגט — איך וועל זיי ווייזען, ווער און וואָס מיר זענען.

— דו לאָז מיך צורוה! — האָט זיך שלימזל געבייזערט.

— וואָס טהוט איהר דאָ ר' ייד? — האָט דער בחור געפרעגט, ווענדענדיג זיך צו שייקער'ן.

שייקער האָט אויף איהם אויסגעגלאָצט אַ פּאָר לאַבעדיגע, נייגיריגע אויגען און האָט געענטפערט:

— איך טרינק טהע.

— דאָס זעה איך, נאָר איך וויל וויסען, וואָס איהר טהוט דאָ. פערשטעהט איהר צי ניין? ווער זענט איהר דאָס אַזעלכער?

— איך בין אַ מענש, וואָס הייסט שייקער. און איהר ווער

זענט אַזעלכער? מיט וועמען האָב איך די עהרע צו רעדען?

דאָס מיידעל האָט דערווייל גענומען טענה'ן מיט שלימזל'ן, זי האָט געהאַט אַ האַרציגע, מיט־ליידען־דורכגעזאַפּטע שטימע, און חי שטרענג זי האָט נישט גערעדט, איז עס אַלץ אַרויסגעקומען ווייך. זי האָט אַזוי געזאָגט:

— אָהן צערעמאָניעס! דאָס איז אַ פּשוט'ע זאַך, פערשטעהט איהר, און איהר מוזט אונז ענטשולדיגען. קורץ: אויף אייך איז געפאַלען אַ חשד, איהר זייט שפּיאָנען, זאָגט וועד איהר זייט, און לאָזט אייך בעזוכען.

— בעזוכען? מיט'ן גרעסטען פערגניגען — האָט שלימזל געזאָגט — פאַר וואָס נישט? נאַ, זוכט — און ער האָט זיך אַליין אויפגעקנעפּעלט די מאַרינאַרקע.

— און איך וועל מיך נישט לאָזען בעזוכען! — האָט שווייקער געזאָגט פעסט — איך בין נישט קיין גנב, און איהר נישט קיין זשאַנדאַרמען. וואָס האָט איהר צו מיר, פרעג איך.

— ערלויבט יונגערמאַן — האָט זיך דאָס מיידעל צו איהם געווענדעט. זעהר מעגליך, אַז מיר האָבען אַ טעות. נאָר אויב איהר זייט אַנ'אָרענטליכער מענש, דאַרפט איהר אַליין פערשטעהן, אַז קוים איז אויף אייך געפאַלען אַ חשד, מוזט איהר אייך ריין מאַכען פון איהם. פערפאַלען! דאָס קען מיט יעדען טרעפען אין די היינטיגע צייטען. אויסער דעם מוז איך אייך זאָגען, אַז אייערע רעד איבערצייגען מיך נישט אין אייער אונשולד, נאָר פערקעהרט, מאַכען נאָך גרעסער דעם פערדאַכט.

— אַז איך בין אַ שפּיאָן?

— איך זאָג נישט אויף זיכער, אויף יעדען פאַל, איז מען אייך חושד דערין.

— איך — אַ שפּיאָן! ווי שעהמט איהר אייך נישט אַזוי לייכטזיניג אומצוגעהן מיט אַ מענשען! צי ווייסט איהר, וואָס אַט דער קאָפּ האָט שוין דורכגעקלערט! צי ווייסט איהר, וואָס אַט דאָס האַרץ

האָט שוין דורכגעפּיהלט און דורכגעליטען! איך – אַ שפּיאָן! ע! וואָס פֿאַראַ אויגען איהר האָט! שעהמט אייך!

– אפשר זייט איהר גערעכט, און אפשר נישט, איהר זייט טאקי אַנ׳אינטעליגענט – דאָס זעה איך. סײַ־ווי־סײַ וועט אייך אייער ווידערשטאַנד גאָר נישט העלפען. אויב איהר וועט אייך נישט לאָזען בעזוכען, וועט מען דאָס טהון איבערגעוואַלד. און איך מוז אייך וואָרענען, אַז אייך קאָן אויסקומען בעצאָהלען מיט׳ן לעבען...

און ווען זי האָט די ווערטער גערעדט, האָט זיך איינער פון דער חברה איינגעביגען און אַרויסגעצויגען פון דער כאָלעווע אַ רעוואָלווער. ס׳איז געוואָרען אַ רגע שטיל.

שלימזל האָט זיך אָנגערופען און געזאָגט:

– לאָז דיך בעזוכען, נאַר... וואָס טהוסט דו מישוגע׳נער?

דאָ האָט זיך שייקער דערהויבען פון אָרט, און פול גרים־צאָרן האָט ער אויסגעשריען.

– ניין. אין גוטען וועל איך מיר נישט לאָזען אָנטהון די חרפּה! מיט׳ן טויט ווילען זיי מיך סטראַשען?! פון וואַנען ווייסט איהר דען, פריילין, ערלויבט אייך צו פרעגען, אַז מיין לעבען האָט ביי מיר אַ ווערט! און אפשר האָב איך שוין צוואַנציג מאָל גע־שפּיגען אויפ׳ן לעבען...

– ווייסט דו וואָס – איז שלימזל געפאַלען אויף אַ פּלאַן – ווילסט ניט, זאָלען זיי דיך בעזוכען, גוט – וועל איך דיך בעזוכען פאַר זיי אין די אויגען און אַ סוף מיט אַנ׳עק. זיי וועלען מיר גע־טרויען און פאַר דיר וועט קיין חרפּה נישט זיין.

– הער דו, גוטער פריינד מיינער – האָט שייקער מיט כעס און שפּאָט געענטפערט – איך האָב דיך אפילו ליעב, און פונדעסט־וועגען זאָג איך דיר טרעט אָב...

דאָ האָט זיך דער אַרבייטער מיט דער באַס־שטימע אַרויס־גערוקט און געזאָגט:

– וְזֶה נָאר דעם יֶלֶד! לאָזט!

אַ פּאָר געזונדטע הענד האָבען אָנגענומען שייקער'ן פאַר'ן קאָלנער, ביי'ם האַלז, און ער איז אַנשוויגען געוואָרען. עטליכע אַנדערע הענד האָבען זיך גענומען שאַרען אין זיינע טאַשען.

און אין מיטען דער סצענע האָט זיך געעפענט די טהיר, און מאַניע, מיט די העלע האָהר און מיט די העלע גרויסע אויגען, איז אַריינגעקומען. פאַר איבעראַשונג האָט זי נאָך ברייטער געעפענט איהרע שענע אויגען. און שלימזל האָט אויסגעשריען מיט אַ שטימע פון אַ גערעטעוועטען:

— מאַניע!

און זי האָט איהם געגעבען די האַנד און איז נאָך אַלץ געשטאַנען פערוואונדערט:

— מאַניע. דאָס זענען דאָך דיינע בעקאַנטע, זיי האָבען אונז חושד געווען... זאָג... און זיינע אויגען זענען פול געוואָרען מיט טרעהרען.

דער טעות איז באַלד קלאָר געוואָרען. אין עטליכע מינוטען אַרום זענען אַלע שוין געוואָרען גוטע פריינד. דאָס מיידעל האָט געבעטען ענטשולדיגונג ביי שייקער'ן און האָט צוגעשטייכעלט צו איהם מיט קלוגע אויגען. שלימזל מיט מאַניע'ן זענען געזעסען ביי'ם טישעל, און זיין פּנים האָט געשיינט פאַר נחת און מיט פערליבטע אויגען האָט ער געקוקט אויף דעם שענעם פראָסטען און קראַנקען בעשעפעניש, וואָס אַנטקעגען איהם, און נישט־דרייסט האָט ער אַלע ווייַלע בעריהרט איהרע הענד.

— אַ שאַד, קאַלט געוואָרען דערווייל דאָס גלאָז טהעע — האָט שייקער רוהיג געזאָגט. בעל־הבית, גיט, זייט מוחל, אַ היים גלאָז טהעע. ער האָט אַ ווייַלע געשוויגען, נאָכהער האָט ער ווייטער גערעדט: איז וואָס זאָגסט דו שלימזל, הייסט עס, ווידער לעבען? נו, זאָל זיין אַזוי. דאָס האַרץ וועל איך מיר ניט אָבעסען — לעבען איז לעבען. ווייסט דו, וואָס איך וועל דיר זאָגען שלימזל, זאָל זיך דאַרטען זיין, ווי די פילאָזאָפען וועלען שי־

אָבּפּסק׳ען, צי איז דער טויט בּעסער פאַר׳ן לעבּען, אָדער דאָס לעבּען פאַר׳ן טויט — איינס איז קלאָר: מורא האָבּען דאַרף אַ מענש פאַר בּיידע ניט, ניט פאַר׳ן לעבּען און ניט פאַר׳ן טויט...

שייקער איז ענטשוויגען געוואָרען און האָט זיך, פערגאַפּט אויף דעם בּילד, וואָס איז געהאַנגען אויפ׳ן וואַנד.

ער האָט אַזוי געטראַכט:

דער דאָזיגער מאָלער האָט פערפעהלט אויפצוזוכען נאָך דעם נײַנציג־יעהריגען אַלטען, אַ טויטען מיט אַ קבר. אַ שלעכטער קינסטלער! צוקומענדיג צום סוף, האָט ער זיך דערשראָקען פאַר זײַן אייגענעם געדאַנק און האָט אָבּגעהאַקט... — אָה, מענשען, מענשען!...

---

# V.

## שייקער אַליין.

אַליין איז שייקער געבּליבּען אויף דער וועלט. זײַן איינציגער גוטער פרײַנד שלימזל האָט זיך אויך אָנגעהויבּען פון איהם צו דערווײַטערען, און וואָס אַ טאָג אַלץ מעהר. אַט טרעפט ער איהם אַ מאָל אויף דער גאַס און שטעלט איהם אָב און האָט בּדעה מיט איהם צו פערבּרענגען ווי געוועהנליך, נאָר שלימזל דרייט זיך איהם אַרויס פון אונטער דער האַנד, מאַכט אַן ערנסט פּנים און זאָגט, אַז ער האָט קיין צײַט נישט.

— וואָס בּיזטו אַזוי פערטאָן? וועלכע נײַע עסקים? — פרעגט שייקער.

נאָר שלימזל שווײַגט אויף דער פראַגע מיט דער טיפע פון אַ מענשען, וואָס בּעהאַלט עפּעס אַ וויכטיגען סוד.

— וואָס שווײַגסטו, נאַר? — טענה׳ט שייקער ווייטער — קאָנספּיראַציע? פּאָליטיק? רעד אַ וואָרט, אפשר וויל איך אויך ווערען...

בּײַ די־דאָזיגע ווערטער בּעווייזט זיך אויף שלימזל׳ס ליפּען

אַ דינער אײַנגעהאַלטענער שמײַכעל. ער קוקט אויף זײַן חבר פֿון אויבען אַראָב, מיט אַ בליק, וואָס איז פֿול בטול, און זאָגט שטיל, בנעימות'דיג:

– מ'קען זיך אָהן דיר בעגעהן, בעלי־טובות דאַרפֿען מיר נישט.

– נאָר ווער „מיר"? צו וועלכער פּאַרטײַ געהערסטו? דער־צעהל, שלימזל...

– נו, לאָז מיר געהן. איך האָב נישט קײן צײַט מיט דיר צו פֿלוידערען.

און ער לאָזט זײַן חבר שטעהן אין מיטען דער גאַס, און אַלײן שפּאַנט ער ווײַטער מיט גרויסע טריט,

אַ צווייט מאָל, פּאַרנאַכט איז עס געווען, דרײט זיך שײַקער אַרום אויף דער פֿראַנציסקאַנער גאַס, און אומעטיג, איז איהם געווען, אַז האָטש נעהם, מאַך צו די אויגען און שלאָף אײַן אויף אײביג. און ווי ער געהט אַזוי דערזעהט ער פֿון דער ווײַטען שלימזל'ן מיט מאַניען קומען אָן; ער האַלט זי אונטער'ן אָרעם, ווי אַ בראַווער קאַוואַלער, און רעדט עפּעס אין איהר אַרײַן, רעדט און רעדט מיט אַ ברען, און זײַן פּנים באָדט זיך אַזש אין נחת, דאָס שוואַכע ווײַבערשע בעשעפֿעניש ווידער איז אַ פּנים נישט זעהר פֿעראינטערעסירט געווען אין דעם געשבּרעך, און איהרע אויגען האָבען פֿון דער ווײַטען צוגעשמײכעלט שײַקער'ן. שײַקער'ן, פֿערשטעהט זיך, איז מיט אײנמאָל לײַכטער געוואָרען אויפ'ן האַרץ, אַז ער האָט דערזעהן אַזעלכע צוויי בעקאַנטע. ער האָט אָבגעזיפֿצט ווי אַ מענש, וואָס האָט אַראָבגעפּטר'ט אַ שווערע משא פֿון זיך, און איז זײַ פֿרעהליך אַנטקעגען געלאָפֿען, גרײט זײַ צו פֿאַלען אויפ'ן האַרץ פֿאַר פֿרייד. נאָר דאָ – אָח און וועה! – איז געקומען די ביטערע ענטוישונג, ניט נאָר וואָס בײַ אַזאַ לײַכט־בעוועגליך האַרץ, ווי שײַקער'ס איז געווען. שלימזל האָט אָנגעשטעלט אַ זויער פּנים און אַ קרומען בליק און האָט איהם אַרײַנגערוקט זײַן

ווייך הענטיל מיט אַ קאַלטקייט און פערפרעמדקייט, אז מאַניע, קוקענדיג אויף איהר קאַוואַלער, האָט נעבּיך נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן און ווי זיך צו האַלטען, און איהרע קלאָרע אויגען זענען פערלאָפען געוואָרען מיט אַ טריבקייט. אַנשטאָט פרייד, האָט זיך אין שייקער'ס אויגען אָנגעצונדען אַ פייערל פון כעס.

— בחור מיינער! קענסט מיך שוין גאָר נישט? האַ? אוי ווי מיר ווילט זיך געבען דיר אַ שנעל אויף דעם כאַמען שפּיץ פון דיין רויט נעזיל! און ויען נישט, גלויב מיר, וואָס איך שוין די גע־נע.ווארט פון דיין דאַמע, וואָלט איך דאָס געטהון, ש׳ ימזל יהי רצון, עס זאָל זיין אָנגענומען, אַזוי ווי איך וואָלט דאָס געטהון און זייט מיר געזונד, און איך וויל דיך מעהר נישט קענען...

אַזוי האָט ער אויסגעגאָסען זיין כעס און פערביטערטקייט, און געמאַכט מיט איינמאָל אַן עק פון דער לאַנג־יעהריגער גוטער־פריינדשאַפט.

שוין שפּעט אין דער נאַכט איז ער אַהיים געקומען צו! אין צימער אַריין מיט אויגען, אין וועלכע טרערען זענען געשטאַנען און האָבען נישט געהאַט דעם מוט זיך אַרויסצוקייקלען, און מיט אַ הארץ פול ווייטיקייט, וואָס אויב מען זאָל זי צוטיילען אויף קליינינקע טיילען וואָלטען זיי געקלעקט אויף צו בעטריבען גאַנצע יאָהרען פון לעבען און גליק. ער איז צוגעגאַנגען צו'ם שפּיגעל און האָט זיך איינגעקוקט אין דעם פּנים פון אָט דעם שייקער, וואָס איז יעצט געבליבען אַליין, איינער אַליין אויף דער וועלט, און קיין איינציגע לעבעדיגע נשמה וויל איהם נישט קענען, און האָט בעוואונדערט דעם הויגען מענש אין שפּיגעל, און נאָכגעזוכט און געפאָרשט דעם כור פון זיין איינזאַמקייט, און צו'ם סוף האָט ער אַרויסגעשטעקט אַ צונג אויף זיך, געמיינט דערמיט די וועלט אין גאַנצען מיט איהרע מענשען, און שליממזל מיט מאַניע'ן צווישען זיי, אויסגעטהון זיך און צוגעגרייט דורכצוליגען אַ לאַנגע, מאַטער־דיגע, שלעפעריגע נאַכט...

און וואָס האָב איך אױסגעפֿיהרט? — האָט ער געטראַכט מיט פֿערביסענע ליפּען, דרײענדיג זיך פֿון אײן זײט אױף דער צװײטער אין בעט — געטױט אין האַרצען בײ מיר יעדעס געפֿיהל. יאָהרען־לאַנג געשטודירט די קונסט פֿון נישט־װעלען, פֿון גלײכגילטיגקײט, און איך האָב געמײנט, אַז איך בין אַ גרױסער תּקיף, װײל איך האָב שױן נישט װאָס צו פֿערלירען — װאָס האָב איך אױסגעפֿיהרט. אַז אַזאַ צרה׳דיג מענשיל מיט אַזאַ קלײן קעפּיל קאָן אָנשטעלען אַ װיערע מינע און מיך דערמיט מאַכען צו נישט, אױפֿהױבען אַלץ אין מיר קענען מיר? ! אַ פּנים, נאָך נישט אַלץ האָב איך פֿערװוּכט. עס װעט נאָך קומען, קומען, קומען... און כאַפּט עס דער טײװעל! זאָלען זײ קומען, די נײע מאַטערנישען... װאָס? קראַנק בין איך צו לײדען? — הײדאַ! פֿערמאַכט די אױגען און װײטער, װײטער, װאו אַהין דער שטראָם װעט טראָגען!...

און אין דער זעלבער צײט, װען אונזער שײקער איז געבליבען אַזױ פֿעראײנזאַמט, איז עפּעס װאָך געװאָרען אױף די בױדימער און אין די קעלער־שטובען, צװישען די קלײנטען פֿון האָראָװאַניע און נױט, פֿאַרנאַכט זענען די גאַסען אין יודישען קװאַרטאַל פֿול געװען יונגע לײט און מײדלעך, בלאַסע, נערװעזע, פֿערטהױענע; מחנות, מחנות האָט מען זײ אָנגעפֿיהרט אין די צירקלען און אין די טורמעס, נאָר װי דער ים, אַזױ האָט זיך די גאַס נישט אױסגעשעפּט, און איהר אױפֿרעגונג איז נישט מינדער געװאָרען, נאָר האָט זיך געשטאַרקט פֿון טאָג צו טאָג, צוגרײטענדיג זיך צו אַ שטורעם. עפּעס אַנ׳אַנדערע נשמה און אַנ׳אַנדער אױסזעהן האָבען די מענשען בעקומען, און נו, אַ שאָטען האָט זיך שײקער אַרומגעטראָגען צװישען זײ, פֿרעמד און אָבגעריסען פֿון אַלע און פֿון אַלץ, נישט װיסענדיג אַפֿילו געגנױ, װאָס דאָ גרײט זיך צו, װאָס דערפֿון װעט אַרױסקומען.

„דער פֿאַרעס פֿון מײן לעבען האָט זיך איבערגעריסען״ —

האט ער געטראכט פאר זיך אין דיטענ — וואס וועט דאס זיין? וואס וועט דאס זיין?

און שרעקליכער פאר אלעם איז געוועזן דער געדאנק אז זיין גרויס איינזאמקייט איצט שטאמט פון אזא צרה׳דיג מענש׳ל מיט אזא קעפיל ווי שלימזל איז.

און איינמאל פאר נאכט האט ער זיך אזוי ארומגעשלעפט אויף דער גאס. פון א קווער־גאס, וואס האט זיך אראבגעלאזט צו מערב צו, האט ארויסגעקוקט דאס קיילעכדיגע פייערדיגע ראד פון דער זון, וואס האט געהאלטען נאהנט צום אונטערגעהן, שטיל איז זי געשטאנען דארט וויט, ווי א קלוג קלאר אויג פון דער וועלט, ביי׳ם סאמע ראנד פון הימעל; פייערדיגע ריטער האבען זיך געטראגען איבער די היטלעך פון די יונגע לייט, און געפינקעלט אין די האר פון די מיידלעך, וואס האבען שפאצירט ווי געוועהנליך, און געסוד׳ט זיך ווילטיג. ערנסט און אויפגערעגט, און שייקער׳ן האט זיך געדוכט, אז די גאנצע מענגע קוקט אויף איהם מיט פערדאכט. די אנגעווענדטע בליקען אויף איהם האבען אויסגעזעהן צו זאגען: „היט זיך, היט זיך! א שפיאן געהט!” איהם האט זיך געדוכט, אז ווי נאר ער געהט פארביי ווערט די פראזע איבערגעהאקט, און דאס געשפרעך פערשטומט, און ער איז אנטלאפען אהיים. אין דעם ענגען צימער׳ל אריין, וואו צוזאמען מיט די פארנאכטיגע שאטענס, האט א וויסטע אומעט מיט א פייניגענדע שרעק גענומען ארומשפאצירען.

א האק אויף דער וואנד און א שטריקעל זענען שוין עטליכע טאג איהם נישט ארויס פון מוח.

און אזוי איז ער געזעסען אין דער פינסטער, ביידע הענד אויף די קניען, דער קאפ אראבגעלאזט, די האר צושויבערט, מיט א ווילטיגען ערנסטען געדאנק אין קאפ. א העלער שטערן האט אריינגעקוקט צו איהם אין פענסטער אריין און האט געוואונקען פון ווייטע וועלטען אראב.., אזוי שטיל און ליבליך איז דער דינער

שטאַרהל געווען, אַשאַד וואָס מען קען איהם נישט מיטנעמען אַהין, דאָרט, וואו די פינסטערניש איז אַזוי אונענדליך!...

לאַנג איז ער געזעסען אין אַזאַ פּאָזע, ביז צו׳ם סוף האָט אַ סקריפּ פון דער טהיר איהם אויפגעוועקט פון זיינע געדאַנקען.

עס זענען אַריינגעקומען שלימזל מיט מאַניען, ביידע שווער אַטעמענדיג. עס איז קענטיג געווען, אַז זיי זענען געלאָפען און זענען זעהר דערשראָקען.

שלימזל האָט זיך אויסגעלאַכט, געשטעלט זיך אַ פּאָזע און געזאָגט מיט אַנ׳אָפיציעלען טאָן:

— איך גיב אייך אונזער אַלטע בעקאַנטשאַפט אום צו רעטען מיך און מאַניע׳ן און אָט דאָס (זי האָט אַנידער געלעגט אַ פּעקיל „ליטעראַטור״ אויפ׳ן טיש) פון געפאַהר. פּאָליציי האָט אונז דער־שפּירט און נאָכגעיאָגט. איך האָף, אַז דו וועסט האָבען גענוג גרויס־מוטה אונז דאָ צו לאָזען איבערוואַרטען.

— אונגעריכט — האָט שייקער גערעדט ווי צו זיך — נו, גוט, גוט, וועלען מיר ווידער ווערען חבר. וואָס איז אייך, פרייליין מאַניע? וואָס זייט איהר אַזוי בלאַס? —

# אין שטורעם.

(פֿון ציקל בילדער „אויף אַ זומער־וואוינונג")

דער הימעל איז ריין, נאָר מאַט אָהן גלאַנץ. די לופֿט איז געדיכט און שווער און דורכגעברענט, קיין ווינט'ל בעוועגט זיך ניט; אַז איך עטהעם אײַן אָט די לופֿט, האָב איך דאָס געפֿיהל, ווי איך וואָלט שלינגען עפּעס אַ צולאָזטע וואַרימע מאַסע. דער קאָפּ איז שווער און אַזאַ מידקייט ליגט אויף'ן מענש.

אַ גאָס־רעגען מיט דונער'ען און בליצען קומט אָן!

איך געה אַרויס פֿון וועלדיל אויפֿ'ן פֿעלד און קוק צו מערב צו; ציט דערהייבט זיך שוין פֿון אָרט די שוואַרצע חמאַרע, וואָס לויערט דאָרטען שטום און בייז!

די זון האָט שוין דורכגעמאַכט דעם גרעסערען טייל פֿון איהר לאַנגען וועג; זי זעהט אויס מאַט און מיעד, און האָט עפּעס אַ מאָרנעם געלבליכען גלאַנץ, אַזוי ווי פֿון אַן' אויסגעפּוצטען סאַמאָוואַר און דאָרטען אויף מערב־זײַט וואַרט אויף איהר די שוואַרצע חמאַרע, ניט זי ריהרט זיך פֿון אָרט, נישט זי אײַלט זיך. ווי אַ ווילדע משונה'דיגע חיה זעהט זי אויס, וואָס וואַרט רוהיג אויף דעם רויב, וואָס זאָל איהר קומען גלײַך אין מויל אַרײַן.

איך קעהר צוריק אין וועלדיל אַרײַן און פֿאַל אַנידער מיעד און דערשלאָגען אויף דער ערד. איך פֿערשטעק מײַן געזיכט אין גראָז, און דער קאָפּ איז שווער, שווער, ווי פֿערגליווערט זענען אַלע געדאַנקען אין מיר געוואָרען.

און אַזוי בין איך געלעגען אַ היבשע צײַט. אַרום איז געווען

שטיל. אַ טויב־שטומע וועלט, וואָס וואַרט אויף עפּעס אַ גרויס געשעהעניש.

נאָר אָט האָב איך דערהערט אַ געגרודער צווישען די צווייַגען: עפּעס איז די שייַן פון דער זון פערשוואונדען געוואָרען, אַ פּנים: דאָס געוויטער רוקט זיך אָן.

און אַז איך בין צוריק אַרויס אויף'ן פעלד, איז דער הימעל האַלב שוין געווען בעצויגען מיט דער חמאַרע; פאַראויס האָבען זיך געטראָגען, לייַכט און פלינק, ווי רייטער פאַר אַ שווערער מחנה, קלײַנע גראָע און העלע וואָלקענדלעך. נאָך זיי – האָט זיך שווער און לאַנגזאַם גערוקט די חמאַרע.

און פון דער ווייַטען האָט זיך געהערט אַ שטילער דונער, ווי מען וואָלט ערגיץ אויף אַ בוידעם געקאָלערט קלײַנע שטײַנער.

די לופט איז געוואָרען נאָך שווערער. אין דעם דערבייַאינגען וועלדיל איז אַלץ נאָך שטיל, די צווייַגען ריהרען זיך נישט, נאָר אַ געזומערייַ פון פייגעל מאַכט פול די לופט, אַלע ווייַלע שפּאַלט אַזאַ פייגעל דורך די שווערע לופט מיט זייַנע פליגעל און אייַלט, אייַלט צו דער נעסט, בעהאַלטען זיך פון שטורעם.

צייַט אויך צו זוכען ערגיץ אַנ'אָרט, וואו זיך צו בעהאַלטען. איך לויף אין דעם שטעדטיל אַרייַן.

און די חמאַרע רוקט זיך, רוקט זיך שוואַרץ און געדיכט. בליצען שלענגלען זיך אין איהר, און פּלוצלונג האָט אַ ווינד אַ בלאָז געטהון העפטיג און בייז, דער וואַלד האָט אָנגעהויבען רוישען, די בוימער בייגען די קעפּ; פאַר מיר, אויף'ן וועג, דערהויבט דער ווינד מאַסען זאַמד און יאָגט זיי אין דער לופט.

און ווידער איז אַ רגע אַלץ שטיל געבליבען, אין ערוואַרטונג. נאָר די חמאַרע רוקט זיך אַלץ, און די פייערדיגע שלאַנגען טאַנצען אויבען.

און מיט איין מאָל איז מיר ליכטיג געוואָרען אין די אויגען, אַ שטאַרקער דונער האָט זיך געלאָזט הערען, און באַלד האָט

די כמאַרע איז׳איבערבראָכען, אַ גאָס־רעגען האָט גענומען גיהן.

דורכגעווייקט אין גאַנצען בין איך אָנגעקומען אין בית־המדרש אַריין, און געטראָפען צו מנחה.

איך בין דעמאָלט גראָד אַזוי ווייט געווען פון יידישקייט, פון בית־המדרש, פון מנחה, עס איז געווען גראָד די צייט, ווען איך האָב געהאַלטען אין איין לויפען פון דעם אַלטען שימעל פון דורות...

דאָ דאַווענען יידען די שטילע שמונה־עשרה.

און דרויסען גיסט דער הימעל ווי מיט עמערס, און דער חזן הויבט אָן:

„ברוך אתה ה׳ אלהינו״..:

אַלטע בעקאַנטע ווערטער.

אין דרויסען יאָגט אַ בליץ דעם צווייטען, און די דונערען שלאָגען געוואַלדיג... דאָס גאַנצע קליינע בית־המדרש׳ל ציטערט.

און דער חזן דאַווענט זיך די שמונה עשרה מיט זיין אומעטיגער שטימע, וואָס לאָזט זיך אַרום הערן אַזוי גלייך און זיכער, ווי קיינמאָל גאָרנישט.

און עפּעס בעהאַלטענע געפיהלען דערוועקען זיך אין מיר־מיר דוכט זיך, אַז אַט די גלייכע, רוהיגע און טיעף־אומעטיגע שטימע ציהט זיך אַזוי דורך דורות שוין טויזענדער יאָהרען. אַרום — בליצט און דונערט און שטורעמט, אַלץ ציטערט, בעהאַלט זיך, זוכט ערגיץ אַ נעסט, און ער, דער „ברוך אתה״. געהט זיך רוהיג זיין וועג דורך זיי, ציהט זיך און ציהט אָהן אויפהער...

„מלך עוזר ומושיע ומגן״...

זאָגט זיך דאָרט פאַר, באַלעמער אַ קליין יידעל, אָנגעטהון אין אַ שמוציגען טלית, און ער זאָגט די ווערטער אַרויס פּאַמעליך, איינס נאָך׳ן צווייטען, אַזוי גוי ער וואָלט ציילען נאָלר־שטיק.

טר! טררר!

אַ קנאַל האָט געגעבען, און דער דונער האָט פּערטייבט

דעם חזן'ס קול. אַ בייזציטערניש איז דורכגעלאָפען אַלעמען, די אויגען האָבען אַ סעקונדע געגלאָצט מיט שרעק.

און נאָך קייקעלט זיך דער דונער, און פון געוויש שווימט שוין אַרויס די שטימע פון דעם קליינעם יידיל אין שמוציגען טלית:

„אתה גבור לעולם ה'..

און אַנ'אומעט, אַנ'אונבעשרייבליכער, איז אָנגעפאַלען אויף מיר. און איך האָב מיך טיעף פערטראַכט.

„קדושה!" האָט מיך אייד נעריהרט כאַר'ן, אַקסעל. און ער האָט געקוקט אויף מיר בייז. ווי אויף אַ שונא עפּעס, וואָס האָט זיך אַריינגערוקט אין זיין רשות.

הייליג, הייליג, הייליג איז דער גאָט צבאות, די גאַנצע וועלט איז פול זיין כבוד — האָבען מיינע ליפּען מיטגעלויבט גאָט.

און אין דרויסען האָבען דונערען געקנאַלט, און דער גאָס-רעגען האָט געשלאָגען אויף'ן דאַך און אויף די שויבען.